STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06212

SHTET

A. H. Bialin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

מעשות אין פערזן

סעריע: שטעט

א. ה. ביאַליק

שטעט

בידערמאַנס פאַרלאַג
ניו יאָרק

CITIES
NARRATIVE POEMS
by
A. H. BIALIN

Copyright 1938
by
A. H. BIALIN
New York, N. Y.

204

א י נ ה אַ ל ט :

1. ניו יאָרק
2. פּאַריז

ניו יאָרק

I

אין אַ ווינקל פון שיף,
אין געדאַנקען פאַרטיפט,
ווי אַ שאָטן ער שטייט,
און ער קוקט ווי עס גייט,
אונטער זוניקן פלאַם,
אַזאַ שיף אויף דעם ים;
ווי זי קריכט אַזוי קוים
אין דעם רוישיקן שוים —
אויף דעם האַרץ פון דעם ריז,
אַ דער ים, וואָס ער איז.
און דאָס וואַסער ווי ברייט,
מיט די כוואַליעס עס שפּייט.

דער וועג אזוי גרויס,
די היים איז שוין אויס.

דאָס שטעטל, דאָס קליינע,
דערוויטערט עס ווערט.
עס ווערן די אויגן
פאַרפינצטערט, פאַרטרערט.

די מאַמע מסתמא,
זי זיצט דאָרט און וויינט;
געבליבן איצט איז זי
אינגאַנצן אַליין.

די שיף אָבער רייסט זיך
אַוועק און אַוועק,
וואָס ווייטער פון שטעטל,
וואָס ווייטער פון ברעג.

ער רוישט און ער שטורעמט
דער ים אַזוי בייז,
ער וואַרפט זי די שיף, ווי
אַ שפּענדל אַ קליינס.

ער שרעקט זיך דער בחור,
עס ציטערט זיין הויט,
אַ מורא באַפאַלט אים —
עס שרעקט אים דער טויט.

ער וויל דאָך נאָך לעבן,
דערגרייכן אַ סך,
עס איז זיין פאַנטאַזיע,
מיט בילדער זייער רייך.

II

א בחור א קליינער,
פון הויט נאָר און ביינער,
מיט אויגן וואָס ברענען,
מיט הענט וואָס זיי קענען
זיך ברעכן פאַר ווייטיק,
און בעטן ווען נייטיק;
אָן עלוי א גרויסער,
א שאַרפער, דאָס איז ער —
א מוח א טיפן
פאַרמאָגט ער דער למדן.
אליין שטייט ער איצטער,
אזא אומבאַשיצטער;
זיין קאָפּ איז פיל זאָרגן,
ער ווייסט ניט זיין מאָרגן;
די היים איז פאַרשוואונדן,
צום ים ר'איז געבונדן!
פון שרעק איז דערציטערט
זיין האַרץ און פאַרביטערט:

אַ לאַנד אזוי פרעמד איז!
ווער קאָן עס? ווער ווייסט עס?...
אַמעריקע! אַמעריקע!

עס כשופט דער נאָמען,
אַמעריקע שרעקט,
ווער ווייסט דען וואָס דאָרט איז
אויף יענער זייט ברעג!

עס צווייפלט דער בחור,
אים עגבערט אין מוח,
ער איז אַזאַ שוואַכער,
ער האָט ניט קיין כוח —

אין לאַנד, אַט דעם וויטן,
דאָרט אַרבעט מען שווער,
דאָס ווייסט ער באַצייטנס,
דאָס האָט ער געהערט.

III

אין דער היים, אין בית מדרש, אין ווינקל
האָט זיין קאָפּ זיך געגראָבן וואָס טיפער
אין דער גמרא, דער שווערער, דער גרויסער;
און זיין ניגון, פאַרחלומט און טרויעריג,
האָט זיך ווייט, איבער גאַסן, צעטראָגן —
אין דער נאַכטיקער שטילקייט געקלינגען
האָט זיין „תנו רבנן — עס האָבן
די רבנים געלערנט", ווי אַ תפילה
פון אַן עלענדן, היימלאָזן בעטלער,
וועלכער בלאָנדזשעט ארום אויף די וועגן,
פול מיט בענקשאַפט, אַ היים צו געפינען.
עס האָט יצחק דעם עלוי געפייניקט
און געמאַטערט אַ בענקשאַפט אַגרויסע;
עס איז ענג אים דאָס שטעטל געוואָרן,
דאָס פאַרבלאָטיקטע אומעטיק ווינקל;
האָט געלערנט, געהאָפט און געחלומט
פון אַ וועלט פון אַ שיינע, א רייכע,
פון אַ לעבן וואָס זאָל אים דערהייבן.
און מיט צער דורכגעדרונגענע, זיין קול האָט
פון בית מדרש ביינאַכט זיך געריסן,
אין דער פינצטער געוואָרפן אַן אימה...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ רחמנות געווען אויף דעם עלוי!

IV

אַוועק! אַט די צייט, איז ניט לאַנג:
עס טוט אים די היים אזוי באַנג,
ער איז איצט דערווייטערט פון ברעג,
פאַרבלאָנדזשעט, פאַרלאָרן זיין וועג;
אַן אומעט באַפאַלט אים, ער ווערט
פון עלנט צעבראָכן, צעשטערט,
עס שניידט אים מיט שאַרפקייט דער ווינט,
פאַרלאָרן ער איז ווי אַ קינד.

פאַרגאַנגען איז זון שוין אין טאָג,
עס רייסט זיך זיין האַרץ און עס קלאָגט:
„אוי ווי מיר" מיט טרערן ער וויינט,
ווי שווער ס׳איז אָן נאָנטע, אָן פריינט!
עס טוט אים דאָס האַרץ אַזוי וויי,
און ס׳הילכט אין דער נאַכט זיין געשריי.
פאַריאָגט זיין געשריי ווערט פון ווינט —
דער ים איז ווי טויב און ווי בלינד.
ער קוקט אויף די כוואַליעס און זעט,
ווי נישטיק עס איז זיין געבעט.
אין ים ווערט פאַרשוואונדן זיין טרער,
און קיינער דאָ הערט אים ניט מער.
ער קוקט אין דער ווייטקייט און פילט:
אין סודות פאַרבאָרגן איז וועלט —
דער ים אַזוי מעכטיק און גרויס,
ער שטורעמט מיט אימפעט און רוישט,

און רעדט אויף זיין רוישיקער שפּראַך —
דערציילט זיי, די סודות פון נאַכט.
דער עלוי, ער הערט זיך גוט איין
און הויבט עפּעס אָן צופאַרשטיין;
עס צינדט זיך זיין האַרץ אָן מיט פלאַם,
ער הערט איצט אַ שטימע פון ים:
„זיי שטאַרקער פון אייזן דו איד
און שרעק זיך פאַר קיינעם נאָר ניט!
אין פייער געגליט דיך מען האָט,
פאַר דיר איז אַ נייער געבאָט:
אַז שטייגן נאָר מוזט דו גאַנץ הויך,
אַלץ העכער, מיט אימפּעט, מיט כוח,
ארויף צו די שפּיצן דו שטייג,
ווייל אונטן איז ענג שוין דער וועג..„
עס רעדט דאָס דער שטורם אַצינד,
ווי אַ טאַטע, עס רעדט צו זיין קינד.
דער עלוי, ער הערט און ער שטוינט,
ער ווייסט ניט, ער וואַכט צו ער טרוימט.
ער קוקט אין דער פינצטערניש טיף,
ער וויל אים פאַרשטיין אָט דעם רוף:
ער זעט ווי עס שטורעמט דער ים,
און רייסט זיך מיט אימפּעט צו אים;
ער וואַרפט זיך מיט שרעקלעכן צאָרן;
די שיף, זי וואָלט לאַנג שוין געוואָרן
פאַרשלונגען אין ימיקן תהום —
נאָר ס'קליגט זיך דער מענטש איבער שטראָם:
ער ווייסט, אַז עס קאָן זיין פאַרשטאַנד
באַזיגן דעם ים מיט זיין האַנט.

באַרואיקט ער קוקט אויף דעם ים
און טראַכט זיך: ער וועט מיין הסתם,
מיט חכמה, מיט טיפער פאַרשטיין,
אויף ריכטיקן וועג וואו צוגיין;
עס שטאַרקט זיך זיין האַרץ ווי מיט שטאָל —
געלערנט האָט ער דאָך אַמאָל:
אַז חכמה איז שטאַרקער פון פויסט,
און חכמה פאַרמאָגט ער, ער ווייסט;
וואָס האָט ער דען מורא? — זיין מוח,
דער טיפער, איז שטאַרקער פון כוח.
און יצחק, דער בחור, דער עלוי,
וואָס האָט שוין געלערנט אפילו
דעם רמבם, דעם שווערן, דעם קלוגן,
איז זיכער, אַז ער וועט באַזיגן
די אַלע, וואָס וועלן אים שטערן
פון גרויס און פון מעכטיק צו ווערן;
און גאָט, דער באַשעפער פון וועלטן,
וועט, האָפט ער, מסתמא אים העלפן.
עס חלומט דער שוואַכינקער אינגל,
וואָס שטייט איצט באַהאַלטן אין ווינקל,
פון מאַכט, און פון זיג, און פון גרויסקייט,
פון אַ לעבן וואָס אָטעמט מיט שטאַרקייט.
עס איז זיין פאַנטאַזיע געצינדן
מיט פלאַמען וואָס טאָן פאַרבלענדן.
און פלוצים, ער טוט זיך צעשרייען!!!
פון גלות ער מוז זיך באַפרייען!!!
דעם דרוק פון די דורות, פון יאָרן,
וואָס האָט אים זיין לעבן געבראָכן;
ער וויל איצט מיט אימפעט פאַרשטויסן,
ער פאָרט דאָך אין לאַנד אין דעם גרויסן —
אַמעריקע!...

עס ציט, עס רעגט,
עס רופט און וועקט —
אמעריקע!
עס צינדט מיט פלאם
פון איבער ים —
אמעריקע!
עס ברענט, עס גליט,
מיט פייער בריט —
אמעריקע!
עס דארף דאס לאנד
דעם מענטשנס האנט —
אמעריקע!
מען הערט ווי וויים,
דאס קול וואס שרייט —
אמעריקע!
עס יאגט די נויט,
צו זוכן ברויט —
אין אמעריקע!
און פריי מען שקלאפט
אין לאנד פון קראפט —
אמעריקע!
עס רוישט, עס יאגט,
עס טרייסט און פלאגט —
אמעריקע!
עס גלאנצט פון ווייט,
ווי גאלד פארשפייט —
אמעריקע!
מען הערט ווי מענטש,
ער שעלט און בענטשט —
אמעריקע!

V

אַ קראַנקער, צעבראָכן פון שווער לאַנגן וועג,
ער האָט שוין, דער עלוי, געציילט זיי די טעג,
געזוואַרט און געהאָפט צו באַטרעטן די ערד
פון לאַנד פון דעם רייכן, וואָס ער האָט באַגערט.
נאָר גרויס איז דער ים און נאָך ווייט איז דער ברעג;
אים דאַכט זיך די שיף האָט פאַרלאָרן דעם וועג —
נאָר הימל פון בלוי און פון וואַסער די וועלט,
נאָר שטורעם און שרעק, נאָר אַ ווינט און אַ קעלט;
ער מיינט, אַז אַזוי וועט דאָס אייביק שוין זיין,
זיין לעבן, עס איז אים פאַראומערט פון פיין.

VI

אַט זעט מען די שפּיצן —
פון ווייטנס זיי בליצן
פון וואָלקנס אַרויס;

עס רייסט זיך צום הימל,
אַ ווייסטער געטומל
פון שטאָטישן ברויז!

ער פליט ווי א וויכער,
וואָס שנעלער, וואָס גיכער,
צו וואָלקנס גאָר הויך —

דאָס מענטשל, דאָס קליינע,
דאָס נישטיק געמיינע —
מיט אימפּעט, מיט כּוח;

ער האָט שוין די ליכטער
פון הימלס געזיכטער
אינגאַנצן פאַרשטעלט;

ער רייסט ווי אַ ווילדער,
אַרויף מיט געפילדער —
ס'איז ענג אים די וועלט.

עס טוט זיך באַווייזן,
פון שטאָל און פון אייזן,
די שטאָט וואָס מען זעט;

וואָס רייצט ווי אַ וואונדער,
די פרעמד שוואַכע קינדער
וואָס שטייען מיט געבעט,

מיט שרעק און מיט ציטער,
און בעטן דעם היטער —
„אוי! לאָזט אונז אַריין!

מיר זיינען געזונטע,
און אַרבעט געפינט מען,
נו לאָזט אונז דאָ זיין!"

אַ פרעכער געלעכטער
באַפאַלט אים, דעם וועכטער,
וואָס האָט אַזאַ מאַכט:

די מענטשן צו געבן,
דעם טויט אָדער לעבן
דאָס קאָן ער, ער טראַכט.

ער קאָן זיי פאַריאָגן,
דער ים זאָל זיי טראָגן
צום אומגליק אַוועק.

ער קוקט ווי עס שטייען,
געבויגן אין דרייען
די מענטשן אין שרעק.

ער לאָזט זיי... דער וועכטער;
מען דאַרף זיי נאָך, טראַכט ער
צו אַרבעטן שווער;

מען דאַרף זיי נאָך האָבן
די מינעס צו גראָבן,
די קוילן פון ערד.

פלוצים דערזעט ער דעם בחור, דעם שוואַכן —
יצחק, דער עלוי פאַר פרייד אַזש טוט לאַכן,
גליקלעך ער איז איצט, ער וועט באַלד דערזען
ס'לאַנד אַ דאָס רייכע! וואו וואונדער געשען —
רופט ער דעם בחור, דער וועכטער, דער קאַלטער,
זאָגט מיט אַ שמייכל, אַז דעם אַ פאַרהאַלט ער:
„שוואַכע מען דאַרף ניט אין לאַנד אין דעם גרויסן
וואָס אָטעמט מיט אַרבעט, מיט שטאָל און מיט אייזן."
שטייט ער דער בחור און קוקט מיט אַ שמייכל,
לאַכט פון דעם וועכטער, וואָס האָט ניט קיין שכל,
זעט ניט די טיפקייט פון עלוישן מוח,
שטאַרקער עס איז דאָך פון פשוטן כוח.
צאַרנדיק ווערט ער נאָך מערער דער וועכטער,
קאָן ניט פאַרטראָגן דעם בחורס געלעכטער:

„קראנקע און שוואכע מען דאַרף דאָ ניט האָבן,
מעג זיך אין ים ער, דער בחור באַגראָבן!”

עס ציטערט די ערד,
און פינצטער עס ווערט...

עס שווידערט אַ וועלט,
פון היץ און פון קעלט...

עס וואַרפט זיך אין פלאַם,
די שטאָט און דער ים...

און ס'פאַלט מיט זיי אויך
דער קלוג־שאַרפער מוח:

דער בחור, ער ליגט
מיט אָטעם פארשטיקט...

מען הויבט אים קוים אויף:
וואָס זאָגט ער דאַרויף?

אַ קללה ער גיט,
פון האַרץ, וואָס עס ברינט

מיט פלאַמיקן האַס,
מיט ביטערן כעס;

ביים טויער פון לאַנד,
וואָס מאַכט זיך צו שאַנד!!!

וואו וועט ער איצט גיין,
פאַריאָגט און אַליין,

אַז דאָ איז דער ברעג,
ניטאָ מער קיין וועג!...

איין וועג איז נאָר דאָ
אין איצטיקער שעה:

צום כוואַליקן שוים,
צום פינצטערן תהום...

אין שוואַרץ-קאַלטן זומפּ
פון ימיקן גרונט,

עס איז פאַר אים דאָרט
פאַראַן געגוג אָרט...

ער טראַכט איצט דער עלוי, ער שטייט און ער קלערט,
ער דרייט מיט דעם פינגער אַהין און אַהער;
אין מוח אין זיינעם עס פאַנגט זיך אָן שפינען,
אַן עצה, ער מוז און ער וועט שוין געפינען:
מען שלעפּט איצטער קאַסטנס אַרויס פון דער שיף,
ער זעט עס און טראַכט זיך, נו מילא וואָס איז,
ער איז אַזאַ קליינער און קאָן אפשר ווערן
אין קאַסטן באַהאַלטן, אין קאַסטן דעם שווערן
און ס'האָט זיך באַוויזן שוין ווידער דער שמייכל —
נישקשה, עס פעלט ניט דעם עלוי קיין שכל.
עס איז אים דעם בחור, דעם עלוי געלונגען —
ער ליגט אין אַ קאַסטן מיט סחורה פאַרשלינגען.
מען הויבט אים מיט קייטן אַרויף צו דעם בריק,
ער ציטערט, דער בחור, פון שרעק און פון גליק;
פון שיף און פון אומגליק, ער וועט באַלד אַרויס —
ער לויבט און ער דאַנקט איצטער גאָט, וואָס איז גרויס.

ער שטייט ווי צעמישט אויף דער רווישיקער גאַס,
עס איז אַ גיהנום, עס דאַכט זיך אים אויס.

ער זעט זי די שטאָט, ער דערזעט איצט דעם ריז —
דאָס איז זי ניו יאָרק, אָט אַזוי ווי זי איז!

VII

די גאַסן, זיי לויפן אין ליניעס אין ווייטע,
די הייזער, זיי גרייכן צום הימל, פאַרשייטע,
די מענטשן, זיי זיינען ווי קנוילן צעדרייטע,

עס לויפן די באַנען פון אונטן פון אויבן,
עס ציטערט די ערד און עס ציטערן שויבן,
עס לויפן דאָ אַלע ווי פייל פון דעם בויגן.

עס לויפן, עס יאָגן אין גאַס די „מאַשינען",
און מענטשן מיט אימפעט, זיי רוישן ווי בינען,
זיי לויפן ווי ווילדע אַן אָפּגאָט צו דינען.

די ווייסע און שוואַרצע, די ברוינע און געלע,
אַ געמיש פון קאָלירן, פון טונקל און העלע,
פון ראַסן און פעלקער — זיי קומען דאָ אַלע.

צו אַרבעטן פלייסיק, עס קומט יעדער איינער:
זיי גיבן די כוחות, דעם מאַרך פון די ביינער,
צו שטאָט — צו דעם טייוול פון אייזן און שטיינער.

פאַרשווינדן עס ווערט דאָ דער שמייכל, דער מילדער,
עס טרייבט זיי די מענטשן, אַ טייוול אַ ווילדער
וואָס יאָגט זיי מיט אימפעט, מיט רעש און געפילדער:

ער יאָגט זיי און יאָגט זיי און מאַכט זיי אַלץ מידער,
צעריסט זיי אויף שטיקער, אויף טיילן און גלידער,
צעריסן עס ווערן דאָ שוועסטער און ברידער.

עס וואַרפט זיך די שטאָט דאָ אין שרעק און אין צאָרן,
ער איז דאָ דער מענטש ווי משוגע געוואָרן,
ער האָט דאָ שוין, דוכט זיך, זיין צורה פאַרלאָרן.

ער קוקט זיך דער בחור אַרום —
ער ווערט ווי פאַרשטיינערט און שטום;
ער שטייט איצטער, יצחק, פאַרלאָרן,
דערשראָקן, ווי נאַר וואָס געבאָרן;
ער הויבט זיינע אויגן וואָס העכער
אַרויף צו די הייזער און דעכער.

הייזער ווי ריזן
שטעכן ווי שפיזן
הימלישן רייך;

הייזער ווי שיפן
שווימען אין טיפן
וואָלקענשן טייך;

הייזער און פענסטער —
הויכע געשפענסטער
הייבן זיך אויף;

הייזער גאָר דרייסטע
גרייכן די ווייטסטע
הויכן אַרויף;

הייזער גיגאַנטן —
שטאָטס האָריזאָנטן,
זעט מען גאָר ווייט;

הייזער פאַרשפּיצטע,
שיינע געפּוצטע —
שטאָטישע פרייד;

הייזער און זאַלן
שטערן די שטראַלן —
זוניקן פלאַם;

הייזער, זיי שפּאַלטן
הימלס געשטאַלטן —
לופטיקן ים;

הייזער ווי געצן
רייסן די נעצן
איבער דער שטאָט;

הייזער און שטיינער
שטאָלענע ביינער
אייזן און שטאָל

הייזער פאַרצערן
זון און די שטערן,
ליכט פון דער וועלט;

הייזער ווי תיבות,
הויכע מצבות
שטאָט האָט געשטעלט.

VIII

אַ שמחה, אַ גדולה,
מען האָט אים געפונען;
דער בחור, דער עלוי,
ער איז שוין געקומען.

„דערצייל עפּעס נייעס
פון שטעטל דעם אַלטען!
וואָס מאַכט משה חיה'ס
הער שמש דער קאַלטן?"

„נו, יצחק, וואָס מאַכסטו,
וואָס ביסטו צוטראָגן?
דו „גרינער״*) וואָס שטייסטו,
וואָס ווילסטו נישט זאָגן?״

„אַ שוטה גאָר כ׳לעבן
פון אים איז געוואָרן,
נו זעט ווי געבליבן
ער איז אָן זכרון״,

די מומע באַטראַכט אים
און האַלט נאָר אין ברומען,
„אַ שוואַכער, אַ צרה,
איז עפּעס געקומען״

זי איז אַן אַנטוישטע
אין גאַסט אין דעם נייעם:
„ער איז קיין פאַרשוין ניט
זעט אויס ווי אַ שלייען״

מען שפּאַסט און מען לאַכט פון
דעם אינגל דעם שוואַכן,
וואָס שטייט דאָ און טראַכט פון
דעם לאַנד אָ דעם רייכן;

וואָס ווייסט נישט צו איז עס
פון בלויז משוגעים,
צו אפשר ווער ווייסט עס,
אַ לאַנד פון חכמים?

*) א נײ־אריבערגעקומענעם קיין אמעריקע רופט מען "גרינער".

דער פעטער נאָר פרייט זיך
און פרעגט אויף דער מאַמען:
„וואָס מאַכט זי די אַלטע
די גוטע נשמה?"

IX

אויף גאַסן ניו יאָרקער
ביי סטענטאָן און פיט*)
ער שטייט אַ פאַרזאָרגטער,
עס איז אים ניט גוט.

ער איז אין דעם לאַנד דאָ
אַ צייט שוין געגוג,
געמיינט אַז עס וואַרט דאָ
אויף אים גאָר אַ גליק —

עס האָט אים אַ פעטער
געברענגט קיין ניו יאָרק,
געזאָגט, אַז דאָ וועט ער
שוין ווערן באַזאָרגט,

*) גאַסן אין אָרימען אידישן קווארטאל פון ניו יאָרק.

צום סוף האָט די מומע
געזאָגט מיט באַפעל:
„דו ביסט שוין געקומען,
איצט גיי זיך דיין וועג.״

נו שלאָפט ער אין דרויסן —
ס׳איז זומער נאָך איצט —
דאָס מאַכט אים קיין זאָרגן,
ווייל גרוים איז די היץ;

נאָר עסן ווי נעמט מען —
ער פאַלט פון די פיס
ער וויל עפּעס נעמען —
מען גיט ניט אומזיסט.

און יצחק פאַרשמאַכט איז,
פאַרכמורעט, אין כעס
מען שטויסט אים, מען וואַרפט אים,
ווייל ענג איז די גאַס.

ער גייט און ער שלעפּט זיי
מיט שווערקייט, די פיס,
אויף גאַסן געפּאַקטע
מיט מענטשן און מיסט.

אויף אָרטשאַרד, די גאַס פון
אַמאָליקן גאַרטן,
ווערט שווער אים די לופט און
עס פעלט אים דאָ אָטעם —

אַ מאַרק איז דאָ איצטער
פון אַלץ וואָס איר ווילט נאָר,
פון עפּל פאַרפּוילטע,
פון שמאַטעס און בילדער.

עס שרייען די הענדלער —
דער טומל איז גרויס:
„נו, קויפט אידן עפּל,
נו, קויפט אידן אויבס!"

עס זיינען די „פּושקאַרטס"*)
אויף גאַסן באַלייגט,
אַ אידל מיט שוהוואַקס,
אַ קאַליקע שרייט:

„אַ גרויסע מציאה,
נו, אידעלעך, קויפט,
פאַר שיך אַ רפואה,
פאַר מיר אויף אַ ברויט".

אַ צווייטער שרייט העכער
און רייסט זיך זיין קול:
„נו, ווייבעלעך, גיכער
ביי מיר איז אַ זול"

זיי שרייען דאָ אַלע
ווי איינער נאָר קען,
און סחורות, די פּילע,
מען כאַפּט פון די הענט.

---

*) „פושקארטס" זיינען אזעלכע וועגעלעך וואָס די מארק־הענדלער באַ־נוצן פאר זייערע סחורות אויפן מארק.

מען האַנדלט, מען וואַנדלט
ווי אַמאָל אויף יארידן,
זיי זיינען פאַרזאַמלט
פון מרחקים דאָ אידן:

פון מזרח און מעריב
פון דרום און צפון,
זיי זיינען געקומען
די אידן צולויפן.

און אידן פון פוילן
פון קיינעם געשטערט
זיי קויפן, פאַרקויפן,
און גלעטן די בערד

און לויפן באַגינען
אַרויס פון די שטיבער,
צו זוכן אַ מנין
און דאַוונען בצבור.

און אָרימע אידן
געטריבן פון נויט,
זיי פוצן דאָ שיך, צו
פאַרדינען אויף ברויט.

און אידיש עס קלינגט דאָ
מיט אַלערליי חנ'ען:
פון פוילן, גאַליציע,
פון ליטע, אוקראינע.

אויך אידן פון מזרח,
די שטאָלצע און פרומע,
וואָס לעבן באַזונדער,
ווי אַנ׳אַנדערע אומה,

זיי שטייען פאַרחדושט
און קוקן פאַרבענקט,
פאַרשטייען קיין אידיש
און פילן זיך פרעמד.

און אינגלעך גאָר קליינע
זיי שרייען און לויפן,
זיי קומען פאַרדינען —
די ציימונג פאַרקויפן;

דער עול איז אַ גרויסער
עס פילט יעדער איינער:
דער טאַטע, די מאַמע,
דער אינגל, דער קליינער.

פאַרטויבט פון די קולות,
פון ענגשאַפט דערדריקט,
טראַכט יצחק: דער טויט איז
פאַר מענטשן אַ גליק;

ער קוקט אויף דעם לעבן
מיט בטול און כעס,
עס איז דאָך ניט מער, ווי
פון טייוול אַ שפּאַס.

אַ גליק האָט געטראָפן —
ער האָט זיך דערוואָרט —
אַנ׳עפּל פאַרוואָרפן,
עס ליגט אויף דער ערד;

ווי אַנ׳אוצר אַ ליבן,
ער כאַפּט אים אין האַנט,
ער איז שוין צופרידן
און ווייטער ער שפּאַנט.

אַז ס׳קומט אָן דער שבת
איז וואויל אים און גוט,
פאַרזאַמלט אין „האַיאַס״*)
ער עסט און ער רוט.

די אורחים, זיי זיצן
ביי טישן געדעקט
מען זיצט ווי די פּריצים,
מען עסט און מען פרעגט:

„וואָס מאַכן דאָ אידן?
וואָס דענקט מען צו טאָן?
וואו קען מען באַקומען
דעם ערשטן מיליאָן״?

„דערנאָכדעם איז לייכטער״
איז מודה נחמיה,
„נאָר ווייַ איז מיר״, שרייט ער,
„דעם ערשטן וואו נעמט מען״?

---

*) אַ געזעלשאַפט אין ניו יאָרק וואָס שטיצט די נייַ־אָריבערגעקומענע אימיגראַנטן.

„עס איז דאָך אַמעריקע,
מען וועט שוין באַקומען"
באַרואיקט אים בערקע,
מיט באַסאָווער שטימע.

ווי פריינט גאָר נאָנטע,
שוין זאַטע, צופרידן
פון „האַיאַס" געביידע
צעגייען זיך אידן:

גייט איינער אין שול,
צו כאַפּן אַ מנחה,
פאַר צווייטן אַ שפּיל
אין קאָרטן איז בילכער,

און איינער וויל ווערן
אַ דאָקטאָר וואָס גיכער,
פאַרנומען איז ער אין
די שולן און ביכער.

און ווער גאָר צום „ריווער",
ער איילט זיך געשווינד
און קוקט אויף די שיפן
וואָס קומען אַצינד;

ער איז דאָ געוואָרן
מיט יאוש פאַרסאַמט,
אַהיים וויל ער פאָרן
ס'איז מיאוס אים דאָס לאַנד.

און איינער אויף געסלעך,
צעדרייטע און קליינע,
ער קוקט אין די פענסטער —
ער זוכט גאָר אַ זונה.

אַ טייל ווידער איילן,
אַוועק צו דעם סקווער,
מלחמות צו פירן
אָן ביקס און אָן שווערד;

מען שיסט דאָרט מיט פראַזן,
מען שטעכט מיט אַ וואָרט;
ס׳וויל יעדער באַווייזן,
אַז גערעכט איז ער פאָרט.

נאָר יצחק ער ווייסט נישט
וואו זאָל ער איצט גיין,
ס׳איז אַלץ אַזוי נאַריש
און שווער צו פאַרשטיין.

X

ער זיצט איצט, דער בחור שוין ווידער געבויגן,
נאָר ניט ביי גמרא שוין מער;
עס איז אַ מאַשין, וואָס עס בויגט אים דעם רוקן,
און ס'איז אים די אַרבעט צו שווער.

עס יאָגט די מאַשין און עס טרייבט אים וואָס שנעלער,
עס יאָגט אים די כוחות אַרוים;
ער ווערט מיט אַ שוויים, מיט אַ קאַלטן באַגאָסן,
ער האַלט עס דער בחור קוים אוים.

ער האַסט דאָ דעם „שאָפּ", וואו ער אַרבעט פאַרביטערט,
עס גייט אים דאָס לעבן ניט איין,
עס העלפט ניט זיין חכמה, זיין מוח דער גוטער,
ער ווערט דאָ געמאַטערט פון פיין.

עס ווערן די שעה'ן, די טעג און די וואָכן
פאַרוואַנדלט אין נישטיקן שטויב;
ער זיצט דאָ, דער עלוי, דערדריקט און צעבראָכן —
אַ בלוטיק פאַרוואונדעטע טויב.

עס איז די מאַשין דאָ אַנ'אָפּגאָט אַ טויטער,
וואָס פאָדערט קרבנות אַ סך;
דער בחור, ער מוז דאָ דעם אָפּגאָט אויך דינען,
עס דינען דאָ אַלע צוגלייך.

עס לאנגווײלט אים די ארבעט דא אין „שאפ“,
עס ציען זיך די שעהן אזוי אוים:
עס נעמט צו זײ שוין גאר ניט מער קײן סוף,
א טאג איז ווי א יאר אזוי די גרוים.

זײ שלעפּן זיך ווי שווערע קרענק די טעג,
זײ ציען זיך ווי מײלן לאנג און ווײט ,
זײ קריכן ווי אויף הייסן שווארצן פּעך,
און פילן אן מיט סם די גאנצע צײט.

זײ קריכן די מינוטן ווי די ווערים,
וואס רײסן זיך ארײן צו אים אין גוף ;
דער „שאפ“ איז ווי א טויטער לאנגער ארעם,
וואס שלעפּט אים אין דער ערד ארײן אראפּ.

עס ציען זיך די רגעס ווי די שטריק
וואס וויקלען זיך ארום זײן דינעם האלז ;
עס דריקט אזוי און ס'שטיקט אים די פאבריק,
דאס הארץ, ער פילט, עס פּלאצט בא אים שוין באלד.

XI

„נו, יצחק וואָס טראַכסטו ?
וואָס ביסטו פאַרזינקען
אין טיפע מחשבות ?
דו דאַרפסט דאָך געדענקען

עס איז דאָ אַמעריקע,
אַ לאַנד אַזאַ נייע,
עס בויט זיך אַ וועלט דאָ,
אַ וועלט גאָר אַ פרייע —

דאָ דאַרף מען קיין לומדים,
דאָ דאַרף מען קיין תורה,
אַז אַרבעט נאָר האָסטו,
טאָ וואָס איז די מורא ?

עס איז דאָ ניט „יוראָפ"*)
וואָס האָפט אויף משיחן,
אַז וואויל איז דיר יצחק,
וואָס דאַרפסט שוין ניט זוכן

---

*) אייראָפּע.

קיין „דזשאָב"*) און דו אַרבעטסט,
דו דאַרפסט שוין ניט זאָרגן —
ווי נעמט מען צו עסן,
ווי נעמט מען אויף מאָרגן."

הירש ברוך דער לאַנדסמאַן,
דאָס טרייסט ער דעם עלוי,
וואָס האָט מיט אַמעריקע
אַ קנאַפּע גדולה —

„וואָס הייסט, איך פאַרשטיי ניט,
ווי קענסטו נאָר זאָגן,
אַז בענקסט נאָך דעם שטעטל
נאָך לאָנקע און גאָרטן,

אַראָפּ ביסט פון זינען
איך קאָן ניט באַנעמען,
איך שווער דיר בנאמנות
אַז ביסט ניט מיט אַלעם."

נאָר יצחק פאַרביטערט,
ער לאָזט זיך ניט טרייסטן
ער אַרבעט — נו גוט שוין,
נאָר ס'מאַטערט דער גייסט אים —

וואו גייט מען? וואו שטייט מען?
ס'איז פרעמד אים דאָס לעבן,
ער בענקט נאָך אַ ספר,
די גמרא, זי פעלט אים.

---

*) א פּלאַץ צו אַרבעטן.

הירש ברוך מיט בטול,
ער לאַכט פון דעם עלוי —
„דו ביסט דאָך אַ נאַר גאָר,
פאַרשטייסט ניט אפילו,

אַמעריקע אַ לאַנד איז
פון „ביזנעס" און אַרבעט —
פאַרגעסן דאָס מוזטו
דאָס שטעטל, דאָס אַלטע,

דאָס אידישע לעבן
עס בויט זיך דאָ איבער
דאָס לעבן, דאָס אַלטע,
עס איז שוין דערווידער.

און ווילסטו אַ ספר?
דאָס קאָנסטו אויך קריגן —
נאָר אַנדערע ספרים
דאָ ווערן געשריבן.

און גיין מיט מיר וועסטו
אין אידישן טעאַטער,
צו זען מאָגולעסקאָ*)
און יעקב פּ. אַדלער*);

וועסט זען די קינסטלער
פון אידן באַליבטע,
וואָס ברענגען דאָ פריידן
צו הערצער באַטריבטע.

*) מאָגולעסקאָ און יעקב פּ. אדלער זיינען געוועזן די צוויי בארימטסטע שוישפּילער אין זייער צייט. אויף מאָגולעסקאָ זאָגט מען אז ער איז געוועזן דער גרעסטער אידישער קאָמיקער.

דו קענסט דאָ אויך הערן
אום שבת אַ דרשה,
ווי פייגנבוים*) קעמפט דאָ
מיט גאָט און מיט משה,

ער רעדט איז עס ממש
גאָר פלאי פלאים,
אליין, זאָגט מען, שטאַמט ער
פון גאונים, רבנים.

און טראָגסטו אַ שנאה
צו וועלט וואָס פאַראַנען?
טאָ דאַרפסטו נאָר הערן
געגנאָסע אַב קאַהנען,*)

ער וויל זי באַשאַפן
אַ וועלט גאָר אַ נייע,
אַ וועלט אַזאַ שיינע
אַז ס'איז אַ מחיה.

דו קענסט אויך געניסן
פון חכמות פילאָזאָפיע,
ווי וואונדערלעך ס'לערנט
דאָ דאָקטאָר זשיטלאָווסקי*).

---

*) איז אין זיין צייט געווען באַרימט אלס שרייבער און אגיטאַטאָר, איבערהויפט אלס קעמפער קעגן דער אידישער רעליגיע.

*) אב קאהאן איז דער גרינדער און רעדאקטאָר פון דער גרעסטער אידישער צייטונג אין דער וועלט, דער „פאָרווערטס“. מיט יאָרן צוריק איז ער געווען זייער טעטיק און באַרימט אלס סאָציאליסטישער שרייבער און אגיטאַטאָר. — — — —

*) באַרימטער אידישער טעאָרעטיקער, פובליציסט און לעקטאָר.

נאָר מער נאָך פון אַלע
עס אַרבעט דאָ מעשים,
אַ אידישע טאָכטער,
וואָס וויל גאָר צערייסן

די וועלט אָ די גאַנצע
מיט הערשער, רעגירער,
אין פייער פאַרברענען
זי וויל זיי, די פירער.

איר נאָמען איז עמאַ*)
און רעדט זי, עס דאַכט זיך
די וועלט, אָ זי ציטערט,
פאַר שרעק זי באַהאַלט זיך.

---

*) בארימטע אידישע אנארכיסטקע.

XII

דער איידעלער יצחק פאַרשקלאַפּט איז צום „שאַפּ“,
און ס'איז אים פאַרמיאוסט דאָ די סביבה אַרום:
אַ וועלט אַזאַ פרעמדע, וואָס פאַלט אויף אים שווער,
וואָס פילט אָן מיט עקל זיין לעבן אין אים.

דער אַרבעטער-ברודער, ער זיצט ביי זיין זייט,
פאַרשפּייט דאָ מיט גראָבקייט, מיט עקל דאָס אָרט;
זיי זיינען די מענטשן דאָ פּראָסט און פאַרשייט,
ער קען ניט, דער בחור, פאַרטראָגן זייער וואָרט.

ער איז דאָך דער עלוי גאָר אַנדערש הערצויגן,
און קען ניט פאַרליידן דעם „שאַפּ“ און דעם „באָס“,
ער ווערט דאָ ווי עפּעס אינגאַנצן פארלאָרן,
עס איז פאר אים אַלץ אַזוי עקלדיק מיאוס.

מען לאַכט דאָ פון וויצן וואָס עקלען אים אָפּ,
און מעשיות דערציילט מען וואָס מאַכן אים רויט,
מען לאַכט און מען שושקעט, מען באָדט זיך אין שמוץ —
מיט אַנגסטן פאַרדינט דאָ דער עלוי זיין ברויט.

עס וואַקסט אַ פאַראַכטונג ביי אים טיף אין האַרץ
צו מענטש און צו וועלט, צו דעם לעבן צו זיינעם
אויב דאָס איז דאָס לעבן, אויב דאָס איז עס אַלץ,
דערווידער עס איז אים אין לאַנד אין דעם נייעם.

נאָר ס׳האָפּט נאָך דער עלוי אויף עפּעס און וואָרט,
עס ברעכט זיך זיין לעבן, דאָס טוט ער פאַרשטיין;
אַמעריקע, זעט ער, איז שטיינעַרדיק האַרט:
אויף וועגן אַמעריקעס וועט ער אויך גיין.

XIII

עס שוועבט אין דער לופטן אַ וואָלקן אַ שוואַרצער,
דער הימל, ער בלייט זיך און שטאָלט זיך מיט קראַפט,
עס וויקלט דער וואָלקן אַרום אים, דעם בחור —
אַנ׳אייזערנע שווערקייט, אַ פינצטערע נאַכט.

עס וויקלט און וויקלט אַרום אים זיך שטאַרקער
און גראָבט זיך אַלץ טיפער, אַלץ טיפער אין אים,
ער פילט ווי עס צאַנקט זיך אַ ליכט און עס לעשט זיך
אין האַרץ, אין דעם מוח, אין לעבן אַרום.

עס לעשט זיך דאָס ליכט וואָס האָט פריער געלויכטן,
געברענט אין זיין האַרצן מיט הייליקן פלאָם:
עס ווערט דאָ פאַרפינצטערט, פאַרכמאַרעט זיין לעבן,
אַ פינצטערע שוואַרצקייט פאַרכאַפּט אים אין צאַם.

עס טריפט ווי אַ גאַליקער סאַם וואָס פֿאַרביטערט,
פֿאַרסאַמט זיין נשמה, זיין האַרץ און זיין מוח;
ווי שפּינוועבס צערייסט זיך זיין ווילן דער גוטער,
און ס'וואַקסט ווי פֿון טייוול אין אים אַזאַ כּוח.

עס האָט אים אַמעריקעס גאַליק געלעכטער,
דעם בחור, דעם יונגן פֿאַרביטערט, פֿאַרשעמט;
„וואָס טויג דאָ דער בטלן, דער עלוי דער שוואַכער" —
ער הערט ווי מען רעדט דאָס מיט חוזק פֿון אים.

ס'האָט שוואַרצקייט פֿון נאַכט ווי אַ טייוול געשראָקן,
אַ פֿינצטערע גרוב האָט מיט שטאַרקייט געשלעפּט,
מיט ברענענדע אויגן געזוכט האָט אַ הילף ער:
געפֿונען ער האָט נאָר, בלויז פֿינצטערע טעג.

XIV

עס רופֿט און וועקט אַ נײַ געזאַנג,
אַ פֿרעמדער, ווײַטער, הויכער קלאַנג,
עס רופֿט צו מאַכט;

עס רײַסט זיך אָפּ אַ הויכער באַרג
וואָס שלעפֿט דעם עלוי, שלעפֿט אים שטאַרק:
עס האָט דערוואַכט

דער טײַוול אין דעם מענטש אַליין
וואָס דריקט אַראָפּ ווי שווערער שטיין.
ער ווערט פֿאַרפֿרעמדט

פֿון מענטש, פֿון גאָט, פֿון לעבנס-ווײַ;
ער ווערט פֿאַרטויבט פֿון איין געשרײַ
וואָס ער פֿאַרנעמט:

ער הערט, עס שרײַט מיט ווילדער לוסט,
עס רײַסט מיט ווייטיק, טיף אין ברוסט
אַ קול פֿון ווײַט.

דאָס קול איז פֿרעמד, דאָס קול איז ווײַט,
עס רײַסט מיט אימפּעט און עס שרײַט:
„אויך דו זײַ גרייט!

עס זיינען דאָ נאָר וועגן צוויי,
אַ וועג צו מאַכט, אַ וועג צו וויי,
נו קלייב זיך אויס! „

דער וועג צו וויי איז אים פאַרמיאוסט,
צום וועג פון מאַכט האָט ער געגלוסט —
צו ווערן גרויס.

עס האָט זיין אויג דערזען פון ווייט
דעם שפּיץ פון באַרג, וואָס איז שוין גרייט,
פאַר זיינע פיס;

עס בויגט זיך מענטשנס קאָפּ אין שטויב
און זינגט צו אים דעם העכסטן לויב,
צו אים, וואָס איז

אַ ריטער אין דעם נייעם לאַנד,
וואָס וועלטיקט מיט זיין שטאַרקער האַנט —
ער איז דער האַר.

מיט חכמה איז ער אָנגעזאַפּט,
ער בויגט דער מענטש זיך פאַר זיין קראַפט;
ער בויגט, דער נאַר;

עס בויגט די וועלט פאַר אים דעם קאָפּ!
ער שטייט און קוקט צו איר אַראָפּ —
ער קוקט מיט שפּאָט;

עס איז דער מענטש ביי אים פאַראַכט,
וואָס בויגט און נויגט זיך פאַר זיין מאַכט,
וואָס ער פאַרמאָגט.

XV

דער עלוי געלייענט האָט
די מעשיות און ביכער
געשריבן אין לאַנד דאָ
פון קינסטלער, פון דיכטער,

געשריבן פאַר אידן
וואָס זיינען אָן מורא
געגאַנגען צום טויט, פאַר
דער הייליקער תורה;

וואָס לעבן נאָך היינט מיט
די רייד פון נביאים,
און האַלטן זיי הייליק
גמרות און ספרים;

צעריסענע שמות
זיי היטן פון פייער,
מען קושט זיי מיט ליבע,
מען האַלט זיי גאָר טייער;

וואָס האָבן געהאַט שוין:
הלוי און עזרא,
קהלת און תהלים
דעם רמבם און כוזרי;

די ביכער די נייע
— ער האָט ניט באַנומען
דער עלוי האָט אין זיי
קיין טעם ניט געפונען.

ער האָט אויך געהערט דאָ
די רעדעס און דרשות,
און האָט ניט געפונען
אין זיי קיין ממשות:

צו קעמפן מיט געטער,
דאָס האַלט ער פאַר נאַריש,
זיי דינען צו געטער
די מענטשן דאָך סיי ווי,

אַ לעבן פון יושר
פאַרשטייט ער, אַז גוט איז,
נאָר וואַרטן אויף שפּעטער
קיין שכל עס איז ניט.

געקוקט האָט דער עלוי
אין טעאַטער פאַרוואונדערט,
ווי ס'מאַכן זיך נאַריש
די מענטשן ווי קינדער.

אַוועק פון דעם אַלעם,
אַרויס פון געמויזעכטס,
דעם עלוי געשלעפּט האָט
אַנ'אימפּעט אַ גרויסער!!!

XVI

אַ שטוב אַזאַ גרויסע מיט בענק אויסגעשטעלט:
עס זיצן דאָ מענטשן פון איבער דער וועלט,
זיי זיצן און לערנען אַ שפּראַך זיך אויפסניי,
זיי ליבן דאָס לאַנד דאָ, און ליבן געטריי.
זיי ווילן פאַרגעסן דאָס לעבן אַמאָל,
אַ לעבן פון נויט און פון צרות אָן צאָל.
עס זיצט דאָ אויך יצחק, ווי שטענדיק פאַרטראַכט,
ער אַרבעט בייטאָג, און ער לערנט ביינאַכט.
ער לערנט זיך פלייסיק און זאַפּט אין זיך איין
די ביכער, די שווערע, ווי שיכור דעם וויין.

ער זיצט מיט התמדה פארטיפט, אזוי שטיל,
אזוי ווי אמאל אין דעם קלויז, ביי דער שוהל;
ער וויל אויך פארגעסן זיין ארימע היים:
דאס בלאטיקע שטעטל, דאס שטיבל פון ליים.
פון יאך פון דעם אלטן צו ווערן באפרייט,
און אנהויבן וויל ער א לעבן אויפסניי.
עס הערט אים דער לערער און גלויבט ניט אליין —
א קאפ אזא גוטן, ער האט ניט געזען,
ער זאגט: אז דער בחור וועט ווערן גאר גרויס.
און יצחק פון שמחה, ער האלט עס קוים אויס;
ער וויל עס דער בחור, עס צינד זיך אין אים
א מעכטיקער פייער, א שטרעבן צו דעם;
א שטרעבן צו מאכט און צו הערשאפט און זיג,
ווי ס'האט אים זיין מאמע געזונגען ביים וויג —
א ליד מיט געבעט, מיט נביאישע רייד,
וואס האט אים א לעבן פון צוקונפט דערציילט:
„אז גרויס וועט ער ווערן, דער קליינינקער זון,
וועט פארן אין גאלדענעם לאנד דארט אהין,
וואו רייכקייט און כבוד וועט אים זיין באשערט,
זיין חכמה וועט קלינגען אויף הימל און ערד"
געשטארקט איז דער בחור מיט האפנונג אצינד —
מקוים וועט ווערן די ברכה געשווינד.
ער לערנט און ס'וויסט שוין דער בחור א סך,
ער שווימט אין די ביכער ווי פיש אין א טייך;
חשבונות און מסחר, דאס לערנט ער פיל,
זיי זיינען פאר אים ווי פאר קינדער א שפיל.
צום לעבן צום נייעם, ער ווערט צוגעגרייט,
ער זיצט אין דער שול און ער האפט אויף דער צייט,

ווען גרויס ווערט זיין נאָמען און קלינגט אויף דער וועלט;
און רייך מוז ער ווערן ווייל מאַכט — דאָס איז געלט.

עס האָבן די יאָרן געהילט אים מיט שרעק,
און שטענדיק געטריבן פון לעבן אַוועק,
ער האָט ניט קיין לאַנד, ניט קיין ערד, ניט קיין הויז;
מען האָט אים מיט שנאה געשטויסן אַרויס:
נו, וואָס זאָל ער טאָן, דער געטריבענער איד,
וואָס זאַט איז מיט צרות און הפקר זיין בלוט?
עס איז אים די ערד פון די פריידיס גאָר פרעמד,
עס האָט די פאַבריק אים פאַרשקלאַפט און פאַרשעמדט,
דער למדן, ער איז אַזוי אָפּהענגיק, ווייך,
נאָר זעלבסטשטענדיק איז דאָ דער מענטש וואָס איז רייך —
נו, האָט זיך דער עלוי צום רייכן פאַרקוקט,
געכאַפּט זיך צום געלט, ווי א טרינקענדער שטריק.

XVII

ער האָט זיך דער עלוי צום לאַנד צוגעוואוינט,
עס זיינען די טעג פון באַגינען אַוועק,
דער טומל און רויש איז פאַר אים שוין ניט פרעמד
פאַרשוואונדן געוואָרן פון אים איז די שרעק.

ער ווערט ווי פאַרשלינגען פון גרויסן גיגאַנט —
פון שטאָטישן לעבן, פון ברויזיקן ים;
וואָס האַלט אים, דעם מענטש, אין זיין מעכטיקער האַנט,
און ברענט אים און שמעלצט אים אין שטאָטישן פלאַם.

ער ווערט דאָ, דער קלויזניק, אַ מענטש גאָר אַ נייער,
ס'אַמאַליקע לעבן פאַרשווינדן עס ווערט,
ער איז דאָ, אים דוכט זיך, אַ מענטש גאָר אַ פרייער —
ער ווערט דאָ געבינדן צו אַמעריקעס ערד.

ער איז ווי אין צוואַנגען —
פון שטאָט שוין געפאַנגען.

אַ שטאָט וואָס רוישט,
אַ שטאָט וואָס זשומט,
אַ וועלט וואָס ברויזט,
אַ וועלט וואָס ברומט —
עס הילכט דער „דזשאַז".

דער „אָטאָ” פּייפט,
די „סאָבוויי”*) פליט,
די גאַס זי שרייט
און מענטש איז מיד —
עס ברומט דער באַס.

דער מאָרגן כאַפּט
פון בעט אַרויס,
העָר טאָג, ער צאַפּט
דאָס בלוט דאָ אויס —
עס פייפט די פלייט.

די „סאָבוויי” שלינגט
דעם מענטש אַריין,
זי כאַפּט אים פלינק
און פּרעסט אים איין —
די פידל שרייט.

ער שטייט און הענגט
אויף שמאָלן פּאַס,
די „סאָבוויי” ענג
און לויפט מיט האַסט —
עס קלאַפּט די פּויק.

זי לויפט גאַלאָפּ
די מיילן גרויס,
זי שטעלט זיך אָפּ
און שפּייט זיי אויס,
דעם מענטשן־שטויב.

---

*) אונטערערדישע באַן.

די צייט, זי יאָגט ;
ער איילט און עסט.
דער מענטש פאַרפלאָגט,
אין זיך פאַרגעסט —
עס גרילצט „טראָמבאָן”.

דאָס פּנים בלאַס,
די ליפּן ווייס,
אין האַרצן האַס ;
און ווילד עס רייסט,
דער „סאַקסאָפאָן”.

דער האַס, ער פּרעסט,
ווי אַ חיה רויב:
אין האַרצן פּרעסט
אַ קראַנקער שטויב —
עס בלאָזט „קלאַרנעט„.

עס קלינגט ווי ווייט
די „דזשעז” מוזיק;
די שטאָט, זי שרייט,
דער אָטעם שטיקט —
די טשעלאָ וועקט.

עס קלאַפּט די שער,
עס רוישט מאַשין,
און מענטש דאָ הערט
דעם קלאַנג נאָר פון
דעם טעלעפאָן.

ער שטייט און פאַלט
פון כוחות מיד;
זיין לעבן באַלד
עס ווערט פאַרשפּילט —
עס האָט קיין טאָן.

דער טאָג פאַרגייט —
אַ שוואַרצער פלעק;
מען ווערט געגרייט
צו לעצטע טעג —
דער גלאָק עס קלינגט.

אַהיים עס לויפט
אַ מאַסע ווילד
מען ווערט פאַרקנוילט,
מען ווערט פאַרדולט —
דער מענטש דאָ זינקט.

XVIII

ער איז איצט, דער עלוי, קיין אַרבעטער מער,
ער איז נישט געצוואונגען צו אַרבעטן שווער,
געוואָרן איז יצחק — דער נאָמען — פאַרגעסן,
מען רופט אים מיט כבוד הער איזידאָר העסן.
עס איז איצט זיין גופל נאָך קליין ווי געווען,
פון הויט נאָר און ביינער, ווי גאָרניט געשען;
זיי זיינען געוואָרן נאָר אויגן ווי פלאַם,
געוואָרן ווי פייער, ווי שטורם פון ים.
ער איז איצטער, איזידאָר, וויכטיק און גרויס —
ווער גלויבט עס, אַז ער איז געקומען פון קלויז!
אַמאָליקעס שטעטל געדענקט ער נאָך קוים,
די מאַמע, די אַלטע, זי לעבט — ווי אין טרוים,
פאַרגעסן שוין באַלד איז, זיין אידישע שפּראַך,
דער קאָפּ נאָר, דער גוטער, געדענקט נאָך אַ סך:
אין שמעלץ-טאָפּ אַמעריקע, שמעלצט ער זיין „איד״,
פאַרגעסן דאָס אַלטע דאָס וויל ער גאָר גיך.
עס קומען די רייכסטע נאָך עצות אים פרעגן;
ער ווייסט שוין איצט, איזידאָר, קאָן זיי די וועגן,
מען הערט און באַוואונדערט זיין איטליכעס וואָרט:
אָט ער איז דער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט.
ער האָט זיך, דער עלוי צום קוואל צוגעשאַרט,
צו געלט און צו מאַכט, ווי ער האָט עס געגאַרט;
זיין אויג איז אַ שאַרפס און ער קוקט זייער ווייט,
ער האָט זיינע נעצן פאַנאַנדערגעשפּרייט;

ער קאָן זיי די מענטשן, די שוואַכקייט פון זיי,
ער טוט זיי פאַרכאַפּן אין נעצן געדריי.

עס האָט דאָ דאָס לאַנד זיינע מעלות דערקענט
און האָט אים געהאָלפן דערגרייכן זיין ציל;
און גרויס איז זיין מאַכט און געשטאַרקט זיינע הענט,
און איזידאָר פרייט זיך, ער האָט וואָס ער וויל.

ער שטייט און ער רעדט איצט, און מענטשן אַרום,
מען זעט אים קוים אָן, אָט דעם קליינינקן מאַן,
ער ווערט ווי פאַרלאָרן, נאָר ס'דונערט זיין שטים,
עס הילכט אָפּ זיין קול ווי דעם לייבס אינ'ם וואַלד.

זיי בויגן די קעפּ דאָ, די מעכטיקע לייט,
ער ברענט זיי מיט ווערטער — מיט פייער פון מויל;
זיין לאָגיק באַוואונדערט, זיין חכמה דערשטוינט;
זיין וואָרט איז פיל שטאַרקער פון פייל און פון קויל.

די מענטשן, אויף וועלכע זיין וואָרט איז געצילט,
ווי צווייגן אין שטורם זיי ברעכן זיך איין,
פאר אים ס'איז ניט מער ווי אַ קינדערשער שפּיל,
און זיי, ווי פאַרלאָרן, דערשראָקן זיי שטייען.

זיי שווייגן די מענטשן ווען איזידאָר וויל,
זיין וואָרט איז געוואָרן דער גרויזאַמסטער שפּיז,
די ווערטער ווי מעסער זיי שניידן אין ציל,
ער שטייט ווי אַ הערשער, אַ מעכטיקער ריז.

און ווי איז דעם מענטשן וואָס פאַלט נאָר אַריין
צו איזידאָרס נעץ און צו איזידאָרס האַנט;
עס קאָן גאָר ניט קיינער פאַרניכטן זיין פיינט,
ווי ס׳קאָן אָט דער קליינינקער שוואַכענקער מאַן.

עס איז דאָס געזעץ דאָ זיין האַמער און האַק,
וואָס העלפן אים קלאַפּן די שונאים צו שטויב,
עס ציטערט דאָ יעדער פאַר איזידאָרס קראַפט,
און שטענדיק זיי זינגען צו אים נאָר אַ לויב.

און ער, דער אַמאָליקער בחור פון קלויז,
ער הערשט און רעגירט, איז מעכטיק און רייך.
ער קוקט מיט פאַראַכטונג, ווי אַלייב אויף אַ מויז,
אויף מענטשן אַרום זיך — ווער איז צו אים גלייך?

ער האָט אין אַמעריקע אַ נעץ אויסגעשפּרייט
פון באַנקען פון גרויסע, וואָס זאַמלען דאָס געלט
פון מענטשן מיליאָנען, פון אָרים און רייך;
זיי שטראָמען צו אים איצט פון איבער דער וועלט.

ער זאַמלט און זאַמלט און ווערט גאָר ניט מיד,
אין לעבן עס איז איצט זיין איינציקער ציל,
ער ווייסט איצט ניט מערער, דער קלויזניק, דער איד,
נאָר געלט און מאַיאָנטקעס, דאָס אַלץ וואָס ער וויל.

און ס׳וואַקסן מיליאָנען, די קאַסעס מיט געלט,
זיי וואַקסן און פלייצן ווי ים ביי דעם ברעג;
פאַר איזידאָר איז עס זיין לעבן זיין וועלט,
ער האָט שוין געפונען, אים דוכט זיך זיין וועג.

און הויך אויף דעם הונדערטסטן שטאָק, ביי דעם פענסטער,
אויף „וואָל סטריט״*) די גאָלד גרוב, ער קוקט איצט אַרויס;
ער זעט און באוואונדערט, ווי הויך ער איז איצטער,
און מענטשן דאָרט אונטן, ווי ווערים די גרויס.

XIX

עס איז אַ שמאָלע קליינע גאַס,
וואָס קוקט אַזוי אומשולדיק אויס;
עס קוקט אויף איר אַ וועלט מיט האַס,
ווי אויף אַ מאָנסטער שטאַרק און גרויס.

פון אירע פענסטער האָבן מענטשן,
פאַר גרויס פאַרצווייפלונג זיך געוואָרפן;
אין אירע זאַלן הערט מען בענטשן —
זיי האָבן דאָרטן גליק געטראָפן.

עס זיינען אירע טראָטואַרן,
מיט מענטשלעך-בלוט באַנעצט געוואָרן;
אין אירע שמאָלע קאָלוארן,
עס ווייַנט דער מענטש נאָך גליק פאַרלאָרן.

---

*) וויכטיקסטע פינאַנץ-גאַס אין ניו יאָרק.

די הייזער שמאָלע, שפּיציק הויך,
זיי שטעכן אין דעם האַרץ פון וועלט;
עס פאַלט דער מענטש דאָ, פאַלט פון כוח,
ער פאַלט אַ קרבן פאַר דעם געלט.

די הייזער האָבן זון פאַרשטעלט:
עס שרעקט די גאַס זיך פאַר אַ ליכט,
עס ציטערט „וואָל סטריט" פאַר דער וועלט —
באַהאַלט איר מאָנסטעריש געזיכט.

באַנאַכט איז שטילקייט אומעטום,
קיין מענטשן זעט מען דאָ ניט גיין,
די אוצרות געלט, זיי היט מען שטום,
די שומרים אין די ווינקלען שטייען.

באַטאָג, זי איז די שמאָלע גאַס —
משוגע גאָר און ווילד צעדרייט;
עס לויפן מחנות שנעל מיט האַסט,
מען לויפט ווי ווילדע און מען שרייט.

עס שטייען מענטשן ביי די ווענט,
וואָס שרייבן, מעקן אָן אַ צאָל;
און ס'הויבט אַ וואַלד זיך — ווילדע הענט —
אַ גוסס כאַפּט דאָס לעבן אָן.

עס שפּרינגען צאָלן, שפּרינגען אום,
און הויבן אויף אַ ווילד געשריי
די צאָלן זיינען שטיל און שטום,
נאָר ס'ציטערט דאָ דער מענטש פאַר זיי.

מען בוקט זיך דאָ צום נייעם גאָט —
צום געלן גאָט פון גאָלד — צו געלט;
עס האָט הער מענטש פאַר אים געבויט,
אַ טעמפּל, שענסטן אויף דער וועלט.

עס שטייט די בערזע הויך, פאַרשייט,
און קוקט מיט חוזק זיך אַרום;
עס שטייט אַ קירכע ביי איר זייט,
זי שטייט פאַרלאָזן — שטיל און שטום.

ווען בערזע רעדט, עס הערט די וועלט,
עס קלינגען ווערטער מיט אַ קראַפט.
עס ווערט צו דינסט צו איר געשטעלט:
די מענטשן און די וויסנשאַפט;

דער טעלעגראַף, דער טעלעפאָן —
זיי זיינען אַלע פאַר איר גרייט;
דער „ראַדיאָ" דער „מייקראָפאָן" —
זיי צערטלען זיך מיט אירע רייד.

די טעמפּלען, באַנקען גאָר אַ סך,
זיי וואַקסן אוים אויף שמאָלער גאַס;
עס איז אַ נייע קעניגרייך
פון געלט, פאַפירן, שרעק און האַס.

XX

באַ זיך אין דעם הויז, אין דעם פּרעכטיק געבויטן,
דער עלוי, ער זיצט מיט זיין ווייבעלע איצט
זי שטאַמט פון אַ יחוסדיק הויז גאָר אַ גרויסן,
די דאַמע וואָס איז אַזוי שיין און פאַרפּוצט.

ער קוקט אויף זיין פרוי, אָט די אידעלע דאַמע,
וואָס שטאַמט פון גבירים, פון גרויסע באַנקירן;
אַ קאַלטקייט באַהערשט אים, זי איז ווי אַ פרעמדע,
ער פילט זיך מיט איר ווי אינגאַנצן פאַרלאָרן.

ער ווייסט ניט ווי זאָל ער די הענט זיינע האַלטן —
דער העלד אָט דער גרויסער, דער קאָפּ פון פינאַנצן —
פאַרשטייט ניט די שפּראַך, און די רייד צו באַניצן;
ער ווייסט ניט צי זאָל ער גאָר ריידן אינגאַנצן.

זיין ווייבל זי שוועבט אין די צימערן גרויסע —
אַ פויגל אַ שיינער, פאַרפּוצט און גאַלאַנט —
זי קוקט אויף דעם טייערן טעפּיך פון פּערסיע,
באַוואונדערט די בילדער וואָס הענגען אויף וואַנט.

זי קאָן זיי די קינסטלער, די גרעסטע, באַרימטסטע,
זי ווייסט זייער לעבן און קינסטלעריש ווערט.
נאָר איזידאָר זיצט דאָ אַן אומעטיק-פּוסטער,
ער האָט זייערע נעמען גאָר זעלטן געהערט.

עס לאַנגווייליגט איר, אַט דער קאָפּ-מענטש, דער גרויסער
וואָס ווייסט ניט פון רעמבראַנדט, פון וואַגנער און באַך;
זי ווייסט ניט זיין לעבן — וואָס וויל ער? וואָס איז ער?
אַ מענטש אַזאַ פּרעמדער, וואָס זיצט נאָר און טראַכט.

זי האָט די ראָמאַנען פון ריטער געלייענט,
און האָט אין חלומות די יאָרן געלעבט,
צו רייכקייט און לוקסוס זי איז שוין געוואוינט —
געוועזן מיט פאַנטאַזיעס איר קינדהייט פאַרוועבט.

זי זיצט איצט די דאַמע אין זאַל אַ פאַרפּוצטע,
די שפּיגלען זיי ווייזן איר שיינקייט, איר פּראַכט,
זי קוקט אויף דעם מאַן ווי ער שטייט אַ פאַרוויסטער,
מיט בליקן פאַרפינצטערט ווי שוואַרצקייט פון נאַכט.

ער שרעקט זי דער מאַן — אָ, דער פּוילישער איד! —
וואָס איז אין אַמעריקע גרויס גאָר געוואָרן,
וואָס האָט קיין מאַניערן, קיין גלאַנץ און קיין שיק
וואָס וויל אַלץ פאַרכאַפּן — איז שטענדיק צעטראָגן

אין קלאַנגען פון מוזיק דערטרינקט זי איר צאָרן,
נערוועז זיי לויפן אויף פּיאַנע די פינגער,
זי העלפט זיך מיט וואַגנער, מיט באַך און בעטהאָוון,
זי ווערט ווי באַלויכטן, די וועלט איז איר גרינגער.

נאָר איזידאָר זיצט אין געדאַנקען פאַרנומען,
ער קוקט אויף דעם טעפּיך וואָס שפּרייט זיך דאָ אויס,
ער האָט שוין אין לעבן אַזוי פיל געפונען,
נאָר ס'פעלט נאָך דער עיקר, עס פעלט אים, ער ווייסט.

ער איז אָפּגעריסן פון לעבן פון אַלטן,
דעם קלאַנג פון גמרא געדענקט ער נאָך קוים,
פון אידישן לעבן דערווייטערט ער האָט זיך,
ער האָט זי צעבראָכן פון געטאָ די צוים.

אַ וועלט-מענטש דאָס איז ער, אין וועלט-שטאָט די גרעסטע
צעשמאָלצן געוואָרן אין ניו יאָרקער פלאַם,
געבראַכט זיי אַ קרבן, די יאָרן די בעסטע,
צום רוישיקן לעבן, צום שטאָטישן ים.

XXI

שטיל ווי אַ שאָטן, ווי אַ גנב ביים זייט,
ווי עפּעס אַ מערדער מיט מעסער אין האַנט,
געוואַרט האָט דאָס יאָר ניינצן צוואנציק און ניין,
געוואַרט האָט אַן אומגליק פאַר מעכטיקן לאַנד:

אַ קריזיס אַ שווערער מיט שוידער און גרויל
געקומען איז פּלוצים פון ערגעץ פון ווייט;
דאָס לאַנד איז געוואָרן צעפּלאָנטערט, צעקנוילט,
פון שרעקלעכן ווייטיק צעזאַמענגעדרייט.

עס זיינען געזונקען די אוצרות מיט געלט,
ווי בראָך פון אַ שיף אין דעם ים, אינם טיפֿן;
עס זיינען געפאַלן די רייכסטע פון וועלט,
די מעכטיקסטע האָבן נאָך הילף איצט גערופן.

עס האָט זיך אַמעריקע אַ טרייסל געגעבן,
דער ווערט פון מאַיאָנטקעס געזונקען איז טיף:
און איזידאָר האָט איצט דערזען זיין לעבן
וואָס ברעכט זיך און פאַלט ווי אַ זינקענדע שיף.

אַ טייל האָט דער קריזיס אינגאַנצן דערשטיקט —
געמאַכט זיי פאַר בעטלער וואָס וואַרטן אויף ברויט;
עס זיינען אַ טייל פון דעם קריזיס דערדריקט
געגאַנגען שוין בעסער אַנטקעגן דעם טויט.

אויך איזידאָר איז פון דעם קריזיס געטראָפן:
און אוצרות וואָס זיינען געוואַקסן געשווינט,
זיי ווערן צעריסן, זיי ווערן צעבראָכן,
זיי ווערן צעבלאָזן ווי שטויב פון דעם ווינט.

ער האָט זיך פארפלאָנטערט, דער עלוישער מוח:
די ציפערן האָבן פאַרבלענדט אים זיין בליק,
און טייוליש געצויבערט, געלאָקט און געלויערט,
און האָבן מיט גליקן דעם עלוי פאַרוויגט.

איצט זיינען די צאָלן ווי שפּיזן געשטעלט
און מאָנען אַ חשבון ביים שוואַכינקן מאַן;
עס מאָנט איצטער יעדער בא איזידאָר געלט —
זיי ווילן פאַרכאַפּן וואָס איז נאָך פאַראַן.

נאָר איזידאָר האָט בלויז פּאַפּירן אַ סאַך
און צאָלן פאַרדרייטע, פאַרפּלאָנטערטע שווער;
וואָס איז דאָ געשען? ער שטייט און ער טראַכט —
און שולדיק עס איז דאָ, ער ווייסט גאָר ניט ווער.

די ציפערן שרעקן זיין לעבן אַצינד,
ווי מיילער פון חיות זיי זיינען איצט גרייט
צו שלינגען זיין דאַרינקען שמאָלינקן גוף,
און ווידער אַ הילפלאָזער שטייט ער און שרייט.

ער זוכט איצט אַ האַנט, וואָס איז פריינטלעך און גוט,
וואָס זאָל אים נאָר העלפן אין איצטיקער שעה;
ער שטייט איצטער ווידער אַן עלנטער איד,
און קלאַפּט אין די טירן נאָך הילף, אויב ס'איז דאָ.

קיין הילף אָבער קומט ניט — קיין הילף איז ניטאָ,
ער איז איצט פאַרלאָרן, פאַרזונקען אין צער,
זיין מוח איז הילפלאָז, וואָס זאָל ער איצט טאָן?
דער חכם, דער עלוי ער בלייבט גאָר דער נאַר.

פון לעבער, זיי זיינען געקומען אַרויס,
די אַלע וואָס האָבן געוואַרט אויף דער צייט,
אַז איזידאָר זאָל עפּעס מאַכן אַ גרייז;
מיט ברענענדער שנאה זיי זיינען איצט גרייט,

זיי האָבן געפונען פאַרברעכנס אויף אים.
און איזידאָר שטייט איצט פאַרקלאָגט פאַר דער וועלט,
אַ שנאה צעגיסט זיך ווי לאַווע אַרום,
און וויל אים פאַרשלינגען, דעם פאַלענדן העלד.

דער מעכטיקער איזידאָר איז אין געפאַר,
מען קאָן אים פאַרשיקן אין תפיסה אויף לאַנג,
ער שטייט איצט דער הערשער, דער מעכטיקער האַר,
פאַרלאָזן, פאַרלאָרן, צעבראָכן און קראַנק.

דער אָנקלאָגער דונערט מיט ביטערן כעס,
אַז איזידאָר איז פאַר געזעלשאַפט אַ געפאַר;
ער איז ביי דער וועלט, ביי דער גאַנצער פאַרהאַסט —
אויף אייביק אין תפיסה, ער מוז זיין דערפאַר.

אַ ציטער געגעבן האָט איזידאָרס האַרץ,
פאַר שרעק האָט זיין פנים זיך פלוצים צעקנייטשט,
עס האָבן די טרערן געשטיקט אים אין האַלז,
עס ווערט איצט זיין לעבן צעשלאָגן, צעבייטשט.

ער שטייט איצטער ווידער, דער עלנטער איד,
ווי אַמאָל אויף דער שיף, צעבראָכן, אַליין;
ער ווערט ווי אויף פייער געברענט און געבריט,
זיין האַרץ איז צעווייטיקט און פול מיט געוויין.

ער שטייט אַ צעמישטער און שרעקלעך ער ליידט,
ער ווייסט ניט צי איז עס אַ חלום צו וואָר,
עס ווערט אים זיין פנים מיט קנייטשן באַקליידט,
פאַרווייסט אויך עס ווערן ביי אים איצט די האָר.

נאָר איין זאַך דאָס ווייסט ער, אויף זיכער, באַשטימט,
ער וועט אין דער תפיסה ניט גיין — אָ, דאָס ניין!
עס מעגן זיין גרוים און אויך שווער זיינע זינד —
ער וויל ניט פאַרוועלקן אין תפיסה אַליין.

ער ווייסט ניט דער עלוי, פאַרשטייט ניט באַדייט
פון האַס וואָס צעברענט זיך, צעפלאַקערט זיך ווילד;
פאַרניכטן מען וויל אים, פאַרניכטן ווי פיינט —
עס קאָן זייער צאָרן ניט ווערן געשטילט.

עס ברומט איצט אַ מאַסע מיט שרעכלעכן כעס,
מיט גרויזאַמקייט וואַקסט זי די שנאה וואָס מער,
מען הערט די געשרייען פון ביטערן האַס:
„מען זאָל אים דעם שווינדלער באַשטראָפן גאָר שווער".

און איזידאָר זוכט איצט אַ לאָך אין דער ערד,
ער זאָל דאָרט פאַרזינקען ווי קורח אַמאָל,
ער זעט עס צעפאַלט און עס ווערט איצט צעשטערט
זיין לעבן, זיין צוקונפט — ס'באַפאַלט אים אַ גרויל.

געזעץ איז פון אייזן וואָס ווייס ניט פון לייד:
מען האָט אים דעם שווינדלער געגעבן זיין שטראָף,
ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, אין צאָלן פאַרדרייט,
און איצטער עס קומט שוין צום פּלאָנטער אַ סוף.

דער ריכטער האָט שטיל מיט אַ שווערן געמיט
געמוסרט דעם עלוי, דעם שווינדלער, דעם איד,
וואָס פאָלגט ניט זיין תורה, דער ביבל'ס — געבאָט,
אַז שווינדלען פאַרבאָטן איז לאַנג שוין פון גאָט;

און שטרענג האָט דער ריכטער אַ שטראָף אים באַשטימט,
אויף צענדליקער יאָרן אין תפיסה צו זיין;
און איזידאָרס פּנים, עס האָט זיך צעקרימט,
געפאַלן ער איז צו דער ערד ווי אַ שטיין.

XXII

עס ווערט ווי גרוי דער ראַנד אַרום,
עס דרייען רעדער שטיל און שטום —
זיי דרייען שנעל און שניידן טיף,
און גראָבן אויס אַ טיפן גרוב.
און צאָלן שטייגן, וואַקסן אויס
ווי חיות שווערע, שטאַרק און גרויס:
ער שטייט און קוקט און זעט דעם סוף,
מיט שנעלקייט רייסט די ערד זיך אויף;
ער הערט עס רופט אַ שטימע אים,
וואָס נעמט מיט האַרטקייט אים אַרום;
וואָס רופט צו זיך:
„נו קום שוין גיך".

איינס און צוויי און דריי און צען,
ער האָט די צאָלן באַלד דערזען:
זיי לעבן, לאַכן, טאַנצן שיין,
און לאַדן אים צום טאַנצן איין;
עס האָט מיט לוסט געשמייכלט ווער
און שטיל געשושקעט אים אין אויער —
ער קוקט אַראָפּ, ווי טיף און גרויס,
צום טאַנצן זוכט ער וועמען אויס,
ער האָט געמאַכט אַ שנעלן טריט,
און קאָן שוין מער ניט גיין צוריק —
און ס'פאַלט אַראָפּ,
די וועלט אין גרוב.

זי פֿאַלט די וועלט און שלעפּט אים מיט,
עס טינקט די וועלט זיך אין זיין בלוט;
נאָר פּלוצים רייסט זיך אויף די וועלט
פֿון ווילד געשריי, פֿון גרוים געוואַלד:
ער רופֿט זיין מאַמע, רופֿט און רופֿט,
עס דונערט אָפּ זיין קול פֿון טיף;
ער רופֿט מיט אַנגסטן און מיט שרעק,
ער שטייט ביים אָפּגרונט, באַ דעם ברעג;
זי זאָל אים העלפֿן אין זיין נויט;
ער שרעקט זיך ווידער פֿאַר דעם טויט —
די מאַמע קומט,
און ס׳קול פֿאַרשטומט.

די מאַמע איז שוין אַלט און קליין,
זי קומט מיט שטילע טריט צוגיין,
זי קושט אים זיינע אויגן אויס,
און נעמט אים פֿון דעם גרוב אַרויס.
זי פֿירט אים מיט איר שוואַכער האַנט
אַרוים פֿון בלוטיק רויטן ראַנד,
אַוועק צום גרינעם שטעטל דאָרט,
צו פֿעלד און וואַלד, און שטילן אָרט.
די מאַמע גייט מיט שנעלע טריט,
און ער, דער זון, איז קראַנק און מיד:
נו בלייבט ער שטיין
אין וועג אַליין.

עס פאַלט מיט אימפּעט צו די נאַכט,
זיין האַרץ, עס ווערט אים אָפּגעשוואַכט,
די מאַמע איז שוין ווייט אַוועק,
ער זעט ניט מער וואו ס׳פירט דער וועג.
און מענטשן גייען דאָ אַרום,
ווי שוואַרצע שאָטנס, טויב און שטום;
זיי הייבן אויף די שווערע הענט,
און ברעכן אים זיין ריק און לענד;
ער רופט מיט שרעק די מאַמע צוריק:
נאָר ס׳איז זיין קול שוין איצט פאַרשטיקט,
און ס׳פאַלט אַראָפּ
זיין שווערער קאָפּ.

ער ליגט פאַרחלשט אויף דער ערד,
זיין קאָפּ איז אים אַזוי באַשווערט,
זיין גופל איז, ווי פול מיט בליי;
עס שטייט זיין דאַמע אויך דערביי.
מען רייסט אים קוים די אויגן אויף,
מען מיינט עס קומט שוין איצט זיין סוף;
און ער דערהערט אַ פרויען־שטים
וואָס בעט אַ קלייניקייט פון אים:
עס טוט איר לייד פאַר אים געווים,
נאָר אָפּגעשיידט דאָך זיין, ער מוז;
און שטיל זי בעט:
זי וויל א — גט.

ער גלויבט די אויערן זיינע ניט,
עס ווערט ווי אָפּגעשטעלט זיין בלוט;
ער וועט איר געבן וואָס זי וויל,
נאָר שווייגן זאָל זי איצטער שטיל.
עס איז צו גרויס און שווער די שאַנד,
ער בעט זי שטיל און קושט איר האַנט:
עס איז דער קלאַפּ פאַר אים צו שווער,
ער האָט דאָך דאָ ניט קיינעם מער.
און זי פאַרשטייט זיין לאַגע גוט,
נאָר שולדיק איז זי זיכער ניט,
און וויל ניט זיין.
מיט אים אין פּיין.

XXIII

מען פירט אים אַוועק אין אַ וואָגן פאַרמאַכטן,
און וועכטער באַוואָפנטע היטן אים גוט,
דורך בליקן פון מענטשן וואָס טאָן פאַראַכטן
דעם שוואַכן, געפּאַלענעם, מוטלאָזן איד.

דעם קאָפּ איינגעבויגן, ער זיצט און ער מורמלט:
ער וועט אין דער תפיסה ניט גיין — אָ, ניין, ניין!
עס וועט גאָר ניט פועלן געזעץ און דער ריכטער —
באַשטימט האָט פון לאַנג שוין, דער עלוי אַליין.

און אויסגעפירט האָט ער — אַזוי איז געשען:
צום תפיסה איז ער ניט אַוועק —
נביאיש ער האָט עס, דער עלוי געזען;
זיין האַרץ האָט געפּלאַצט אויף דעם וועג.

פאריז

I

עס לויפט די באַן — פארשווארצט דעם וועג מיט רויך;
עס קלאַפּן רעדער, ס'רוישט און זשומט אין מוח;
די „פּאַנעס" זיצן ברייט און לאַכן ווילד,
דערשראָקן זיינען אידן — איינגעשטילט.

מען פאָרט קיין אויסלאַנד: ווייט דער וועג און פרעמד,
מען לויפט אַוועק — פאַרביטערט און פאַרשעמט.

באַפרייט איז ס'לאַנד — נו, טאַנצט מען און מען קוועלט,
עס פרייט זיך יעדער — ס'איז אַ נייע וועלט.
דערלעבט אַ צייט, ער האָט זיין לאַנד צוריק,
נו רייסט ער בערד, און טרייבט דעם איד פון זיך . . .

עס לויפן אידן, אָנגעפילט מיט פּיין,
אַוועק פון לאַנד, ווייל שווער איז דאָרט צו זיין.
שוין לאַנג די צייט, דער איד האָט זיך באַזעצט
אין שטאָט און דאָרף און אויפגעבויט זיין נעסט,
מיט בלוט און שוויים ער האָט דאָס לאַנד געבויט,
געווען צו שאַנד און אויך געליטן נויט.
געהאַפט די צייט וועט בעסער ווערן נאָך,
דערווייל האָט ער געטראָגן שווער דעם יאָך.

און פריי דאָס לאַנד, נאָר הפקרדיק דער איד:
ער לויפט מיט אַנגסט ווי פון אַ ווילד יאַריד,
מען פייניגט אים, מען מאַכט אים דאָרט צו שאַנד,
ער מוז אַוועק פון וואַלד באַקרוינטן לאַנד.
און שטאָלץ איז יעדער, ס׳לאַנד איז שטאַרק און גרויס.
נאָר ווי דעם אידן — חרוב ווערט זיין הויז.
ער מוז אַוועק, פאַרלאָזן אַלטע היים,
ער איז צעווייטיקט, ס׳האַרץ איז פול געוויין.

עס איז די באַן געפאַקט מיט מענטשן פיל;
פאַריאָמערט זיצן אידן — שווייגן שטיל:
זיי שרעקן זיך פאַר יעדן הויכן וואָרט
און ליגן איינגענורעט אויף איין אָרט;
מען שרעקט זיך פאַר דעם גרויזאַם ווילדן שפּאַס,
צו וואַרפן אידן פון דער באַן אין גאַס.

II

דערשראָקן אין אַ ווינקל נחמן זיצט,
ער שווייגט און קוקט צעטומלט — שטיל ער זיפצט;
ער האַלט די פּעקלעך פּעסט — זיין לעצט פאַרמעג,
פאַרלאָרן פילט ער זיך אויף פרעמדן וועג.
ער ציטערט אויף בײַ יעדן פּייף און קער.
די באַן איז ווילד — און לויפט און סאָפּעט שווער.
און נחמן טראַכט — נאָר פינצטער איז אין מוח,
זיין האַרץ פאַרקלעמט איז, ס׳פּנים שוואַרץ פון רויך:
אַ פּעקל שמאַטעס איז זיין גאַנץ געביין,
ער ליגט פאַרלאָזן, עלנט ווי אַ שטיין,
ער האַלט דעם פּאַספּאָרט פעסט אין האַנט פאַרקלעמט,
זיין גאַנצער לעבן איז אין דעם געווענדט.
דער פּאַספּאָרט זאָגט אים וואו אַהין ער פאָרט —
צום ווייטן לאַנד, צו יענער פרעמדער שטאָט.
און שטאַרק ער דריקט דעם פּאַספּאָרט אין זיין האַנט,
וואָס זאָגט אים צו פיל גליק אין נייעם לאַנד.
ער לייגט אים צאַרט אין בוזעם טיף אריין,
עס זאָל קיין מכשול אים נאָר ניט געשען.
און פּלוצים ווערט אַ טומל אין וואַגאָן
און נחמן נעבעך ווייסט ניט וואָס צו טאָן.
אַ גוי אַ שטאָלצער רייסט אים פון זיין אָרט,
ער שלעפּט אים גראָב און רעדט צו אים מיט שפּאָט.
„אַ פּאַספּאָרט וואש?"*) ער שרייט און ווערט שוין בייז;
און נחמן ווערט באַגאָסן מיט אַ שוויים.

*) אייער פּאַספּאָרט וואו איז?

ער זיצט און קוקט דערשראָקן אַזוי שטום,
פאַרשטייט ניט וואָס עס וויל דער גוי פון אים.
און אידן מיט רחמנות זאָגן שטיל
„נו ווייז דיין פּאַספּאָרט בחור, זיי ניט דול״!
און נחמן כאַפּט פון בוזעם פאַס ארוים;
דער גוי, ער שעלט און שפּייט מיט עקל אוים.

עס פאָרט די באַן אויף נייער פרעמדער ערד
און אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נחמן ווערט,
דאָס היימיש שטעטל רופט אים איצט צוריק —
אַהיים צו פאָרן וואָלט געווען אַ גליק.
און פּלוצים גאָר מען הערט עס רוישט פון וויים,
און אומגעדולדיק שטייען אַלע גרייט.
עס קרעכצט די באַן מיט לעצטע כחות שוין:
ווי מיד געוואָרן, בלייבט זי פּלוצים שטיין.
עס איז פּאַריז, די שטאָט פון ליכט און פרייד
מיט אָרעמס אָפן שטייט זי אָנגעגרייט.

III

פאריז! פאריז! פאריז!
ווי אַ ליבע פרוי זי איז:
צו ווײַן און טאַנץ און פרייד
זי איז דאָך שטענדיק גרייט.

פאריז! זי לעבט און לאַכט,
זי הוליעט טאָג און נאַכט,
זי לעבט און טאַנצט אין גאַס,
און זאָרגלאָז נאָר זי שפּאסט.

פּאַריז! זי קושט און שטיפט,
זי האַלזט און איז פאַרליבט,
זי איז דאָך שטענדיג יונג,
מיט לוסט, זי טאַנצט און שפּרינגט.

פאריז איז פול מיט פרייד,
זי איז גאַלאַנט פאַרשייט
און גאַרט נאָך לוסט און שפיל —
דער יום טוב איז איר ציל.

פאריז! זי קוועלט און שיינט,
זי איז פאַרליבט אין היינט;
פאַר מאָרגן זאָרגט זי ניט,
עס איז איר וואויל און גוט.

פּאַריז איז פאַרבן־רייך,
צו איר איז קיין פאַרגלייך,
זי איז שוין יאָרן אַלט
נאָר יונג איז איר געשטאַלט.

פאַריז! זי לעבט און שאַפט —
אין קונסט עס ליגט איר קראַפט;
זי מאָלט די בילדער שיין
גראַציעז און מלא חן.

פאַריז! זי איז גאַלאַנט!
מיט פיינער קינסטלער האַנט
זי האַקט פון שטיינער אויס
סטאַטוען מעכטיק, גרויס.

פאַריז! זי שמייכלט מילד —
האָט ליב די קונסט פון בילד
און שפּילט זיך ווי אַ קינד,
וואָס ווייסט ניט פון קיין זינד.

פאַריז אַ שטאָלצע איז
מיט אייפלס*) טורעם־שפּיץ,
מיט הייזער, אַלט אין סטיל,
מיט מאָנמאַרט*) און באַסטיל*).

פּאַריז איז רייצנד שיין
מיט גאַסן מלא חן,
מיט מענטשן גאָר גאַלאַנט,
מיט פרויען ליב, פּיקאַנט.

*) דער גרעסטער טורם אין דער וועלט, וואָס געפינט זיך אין פּאריז.

*) א געגנט פון טאנץ־זאלן און קאבארעטן.

*) געווען אמאָל א בארימטע תּפיסה.

IV

פארטומלט פון גאַסן וואָס רוישן,
באַלאָדן מיט פעקלעך אין האַנט,
שטייט נחמן פאַרלאָרן, דערשראָקן —
עס איז אים דאָ אַלץ אַזוי פרעמד:

פארשטייט ניט די שפּראַך, וואָס מען רעדט דאָ,
באַגרייפט ניט די מענטשן ארום,
ער ווייסט ניט וואו גייט מען, וואָס טוט מען,
ער איז דאָ פאַרלאָרן און שטום.

„פּאַריז איז אַ שטאָט אַ באַרימטע,
די מענטשן, עס לעבט זיך דאָרט גוט",
געהערט דאָס דערציילן האָט נחמן
אין שטעטל אַמאָל אויף יאריד.

נו, איז ער געקומען צו פאָרן,
אַוועק פון די צרות און נויט,
געקומען דאָ זוכן פרנסה,
צו לעבן און האָבן אויף ברויט.

ער שטייט איצט פאַרזאָרגט און פאַרצווייפלט
אויף רוישיקער גאַס אין פּאַריז.
אַז פרעמד קאָנען זיין אַזוי מענטשן,
דאָס האָט ער גאָר קיינמאָל געוואוסט.

ער האָט דאָך דאָ קיינעם ניט נחמן
אין גרויסער און פריילעכער שטאָט,
ער ווייסט ניט צי וועט ער גאָר קאָנען
געפונען פאַר זיך דאָ אן אָרט.

מען זאָגט, אַז עס וואוינט דאָ דער נדבן —
דער גרויסער גביר, דער איד,
וואָס זאָרגט פאַר די אָרעמע אידן,
וואָס קומען דאָ הונגעריק, מיד:

אַז ראָטשילד הער איד דער באַרימטער,
דער גרעסטער גביר פון דער וועלט,
באַזאָרגט דאָ די אידן מיט אַלעם:
מיט דירה, מיט ברויט און מיט געלט.

נו, וויל ער צו ראָטשילדן קומען
אַ ביסל אָפּריידן פון הארץ,
דערציילן די צרות פון אידן,
ווי ביטער עס איז זיי נאָך אַלץ.

נאָר וואו אים געפינען ער ווייסט ניט —
עס איז דאָ די שטאָט אזוי גרויס —
און פרעגן „וואו וואוינט ער דאָ, ראָטשילד?” —
די ווערטער זיי פעלן אים אויס.

פאַרהונגערט, אַ מידער, ער שלעפּט זיך,
אויף גאַסן פאַריזער ארום.
און שטאָט איז פאַרהאַוועט, פאַרנומען
און קוקט זיך אויף אים גאָר ניט אום.

די זון איז אַוועק שוין, פאַרגאַנגען,
זי שיידט זיך פון טורם אויך באַלד;
עס קומט מיט אַ שנעלקייט די נאַכט אַן
און נחמן ער בלאָנדזשעט נאָך אַלץ.

די כוחות זיי ווערן פאַרשוואונדן
אים דוכט זיך דאָ אויסגיין ער וועט,
ער קוקט אויף די מענטשן פאַרלאָרן
מיט אויגן, וואָס פול מיט געבעט;

ער קאָן שוין ניט אויסהאַלטן מערער;
די נאַכט, זי דערשרעקט זיין געמיט,
ער בעט ביי די מענטשן פאַרצווייפלט —
וואו איז ער וואו? — ראָטשילד דער איד.

V

אַ רעש! אַ געפּילדער! — עס שפּאַרן זיך אידן:
צו „אייפל" דעם טורם געבויט האָט אַ איד,
צי איז גאָר קיין העכערס אויף וועלט שוין ניטאָ מער,
צי איז ניט קיין מורא ארויפגיין אַהין.

„פארשטייט עס נאָר מענטשן, אַ הויכקייט אַזעלכעס,
ווי איז עס גאָר מעגלעך צו קריכן ארויף!"
„וואָס טויג עס אינגאַנצן", פאַרשטייט ניט אַ צווייטער,
„מען קוקט נאָר דאַרויף און עס שווינדלט די קאָפּ!"

„וואָס גוים קאָן איינפאלן — ווער דאַרף עס דען האָבן? —
צו בויען אַ טורם, וואָס איז אזוי הויך!"
„עס איז טאַקע שטותים, אַז ס'האָט ניט קיין זאָרגן!"
אַן אַנדערער זאָגט זיך זיין מיינונג דאָ אויך.

און שטיל ווי מיט מורא, הערציילט זיך דאָ איינער:
„דער סוף איז געוועזן אַ ביטערער גאָר,
ווייל דער וואָס געבויט האָט דעם טורם, דעם הויכן,
געוואָרפן ארונטער ער האָט זיך דערנאָך".

„אַזוי אָ!" — פאַרוואונדערט זיך יעדער — „פארוואָס זשע?
צי איז ער משוגע געוואָרן דער נאַר?
צי האָט אים געשווינדלט די קאָפּ דאָרטן אויבן,
געפאַלן ארונטער ער איז עס דערפאַר?"

„געשען איז עפּעס, וואָס שווער איז צו גלויבן" —
דערציילט ער צו אַלע וואָס הערן געשפּאַנט —
„ס'האָט עפּעס אַ שרייפל געפּעלט דאָרטן אויבן,
געוואָרפן ארונטער ער האָט זיך פאר שאַנד".

און נחמן, צעטומלט, ער ווייסט ניט וואָס איז דאָ:
צי איז ער אין שטעטל אין קליינעם נאָך איצט
וואו עס זיצן די אידן פארטיפט און זיי שמועסן;
צי איז ער שוין טאַקע אַצינד אין פּאריז.

ער שטייט אויף דער שוועל מיט די פּעקלעך אין אָרעמס,
מיט פרעמדן, וואָס האָט אים אַהער־צו באַגלייט,
געברענגט צום „אַזיל"*) וואו עס לעבן די אורחים —
די אידן, די פרעמדע, וואָס קומען פון ווייט.

---

*) א גאסט־הויז פאר אָרעמע לייט.

VI

עס לעבט דער איד אין שווערן אומעט:
עס שרעקן אים די שוואַרצע נעכט;
פאַרכמאַרעט ווערן זיינע הימלען,
זיין הייליקטום עס ווערט פארשוועכט;

ער רייסט זיך אָפּ פון הייסן גלויבן,
דאָס אַלטע לעבן זיינס צעפאַלט ;
פארשוואונדן ווערן ימים טובים,
די טעג זיי ווערן גרוי און קאַלט.

דער גוטער מאַנטל איז צעריסן,
און נאַקעט איז געבליבן שטיין
דער נייער איד — דער מענטש פון ויסן —
וואָס טוט אויף נייע וועגן גיין.

עס מאַטערט אים אַ שווערער צווייפל —
ער ווייסט ניט וואו עס פירט דער וועג;
איז רייך אין ויסן, אויך אין שכל,
נאָר גרוי געוואָרן זיינע 'טעג;

עס ווערט פארניכטעט אַלט פארמעגן,
פון בענקשאַפט גייט דאָס לעבן אויס;
אַנטלויפט מען וואו די אויגן טראָגן,
אַוועק פון זיך — די וועלט איז גרויס.

צו שטאָט פון וויין, געזאַנג און פרויען,
וואו מענטשן קומען זוכן פרייד,
עס קומען טייל אויך שאַפן, בויען —
חלומות וועבן שטילערהייט.

עס קומען אידן, קינסטלער, טרוימער,
זיי קומען זוכן נייעם מוט;
דאָס אַלטע לעבן ווערט פאַרשוואונדן,
דאָס נייע לאַנד דערפרישט דאָס בלוט.

עס ציען זיך פון ווייטע לענדער
אַ מחנה טרוימער יונג און אַלט,
עס קומען דאָ די בעסטע קינדער,
די שעפער פון אַ נייער וועלט.

עס איז אַ וועלט פון בילדער, פארבן —
געטלעך ליכט אין קינסטלערס אויג;
ער זעט די ווייטקייט, טיף פאַרבאָרגן,
ניטאָ פאר אים קיין צוים, קיין ברעג.

VII

דער קינסטלער איז דער גרויסער העלד,
וואָס גייט אריבער ברעג פון וועלט,
און קוקט אַראָפּ צו וועלט און מענטש;

ווי מלאך, פליגלען האָט ער אויך,
און געטלעך איז זיין שאַפונגס-כח —
ער איז פון גאָט אַליין געבענטשט ;

זיין בליק פאַרנעמט דעם ווייטסטן רוים,
זיין האַנט צעבּרעכט אַ יעדן צוים,
זיין אויער וואַך איז און פאַרנעמט:

די שטילע קלאַנגען פון דער נאַכט,
די פרייד פון גראָז וואָס לעבט און וואַכט,
געוויין פון וואַלד וואָס ווערט פאַרברענט;

ער הערט די קלאָג פון בלום וואָס וועלקט,
ער הערט געזאַנג פון בוים אין פעלד;
די נאַכט דערציילט אים סודות פיל.

ער קוקט אריין אין לעבן טיף,
ער הערט די אייביגקייט וואָס רופט,
פאַרשטייט דעם וועג פון לעבנס ציל.

דער שאָטן רעדט צו אים פון וואַנט —
ער זעט עס שרייבט דעם טייוולס האַנט
און זאָגט אַ שוואַרצע בשורה פאַר

ער זעט די פעדים פון דער צייט,
וואָס שפּינט זיך אויס פאַר מענטש פון ווייט;
ער הערט דאָס קול פון ווייטסטן דור.

אויף בוידעם-שטיבלעך באַ די דעכער
מיט קוים אַ שטיקל טרוקן ברויט,
זיי לעבן דאָרטן די באַשעפער,
און פול דאָס לעבן איז מיט פרייד.

אַ שטריך אויף לייוונט אָנגעוואָרפן
און ליכטיק ווערט די קליינע שטוב;
דאָס גרויסע ליכט פאַרטרייבט דעם שאָטן,
ס'איז שיין די וועלט, דאָס לעבן ליב.

פון טויטע פאַרבן שאַפט ער לעבן —
ווער איז צום קינסטלער דעמאָלט גלייך!
אין שטיבל זיינעם אין דעם ענגן,
ער בויט זיך אויף אַ קעניגרייך.

אין קליינער שטוב, פון ווענט פאַרפינצטערט
עס שיינט אַראָפּ אַ ליכטיק בילד;
פון גליק באַרוישט ער איז, דער קינסטלער,
זיין לעבן ווערט אין ליכט פאַרהילט.

אין בילד דערזעט ער די פּראָצעסן,
וואָס האָט צום לעבן וועלט געבראַכט;
דאָס ווירקליכע לעבן ווערט פאַרגעסן,
חלומות ווערן אויפגעוואַכט.

און נישטיק ווערן אַלע זאָרגן
פון גרויען טאָג און שלעכטער צייט,
צו אים געהערט דער גרויסער מאָרגן —
פאַר קינסטלער איז די אייביגקייט.

אויך ברוך איז אַהער געקומען
צו שיינער שטאָט און פרייען לאַנד;
מיט גרויסע מייסטער זיך באַקאָנען
און הויבען הויך זיין קינסטלער האַנט.

VIII

געלעגן איז נחמן אויף אַ בעטל א הארטן,
געקוקט אין דער פֿינצטער מיט שווערן געמיט,
געטראַכט פֿון זיין מזל, וואָס איז אַזוי ביטער:
ער איז אין פּאַריז שוין, און ס'איז אים ניט גוט.

ער איז ווי אַ שטומער — די שפּראַך ער פֿאַרשטייט ניט,
אויף ברויט צו פֿאַרדינען עס איז דאָ אויך שווער;
שוין וואָכן ער זוכט עפּעס אַרבעט צו קריגן,
די קעסט דאָ פֿון ראָטשילד געפֿעלט אים ניט מער.

און נחמן באַדויערט וואָס ער איז געפֿאָרן
צום ווילדן געטומל, צום וויסטן געשריי;
וואָלט בעסער געבליבן אין שטעטל אין אַלטן,
ניט דאַרפֿן דאָ ליידן, זיין עלנט אַזוי.

ער קאָן ניט אַנטשלאָפֿן, ער ליגט א פֿאַרטראַכטער,
זיין לעבן צעריסן, צעבראָכן עס ווערט;
פּאַריז, אָ, פּאַריז, מיט די גאָלדענע גליקן! —
אַ חלום עס איז נאָר, א חלום ניט מער.

און ביילקע זי שרייבט אַלץ און בעט זיך מיט טרערן
ער זאָל זי נאָר נעמען געשווינט קיין פּאַריז;
זי בענקט און זי האָפֿט, די מינוט זאָל שוין קומען,
אַז זעען זי זאָל אים, און זיין וואו ער איז.

וואָס וויל זי דאָרט ביילקע, וואָס דרייט זי די יאָרן,
זי ווייס ניט ווי שווער ס'איז צו זיין אין דער פרעמד.
ער האָט גאָר חרטה וואָס ער איז געפאָרן;
נאָך היים און נאָך ביילקען ער האָט זיך פארבענקט.

אין בעטל דעם צווייטן, גאָר נאָענט צו נחמנס,
עס ליגט זיך גאָר גרעפיש דאָ ברוך און פייפט;
די אידן זיי שרייען ער לאָזט זיי ניט שלאָפן,
און ער גאָר מיט חוצפה, ער ווייזט זיי אַ פייג.

זיין נאָמען איז ברוך, דערציילט ער דאָ אַלע,
אַ גרויסער פארמעגן עס איז אין זיין האַנט —
אַ קינסטלער דאָס איז ער, און קאָן זיי באַמאָלן,
ער איז אַ זשעני, פון דעם פוילישן לאַנד.

צעלאַכן זיך אַלע און זאָגן מיט חוזק,
„משוגע גאָר איז ער דער אָרימער יונג,
נאָר שלאָפן דאָס מוז מען, טאָ שווייג זשע, דו גולם
און האַלט זי באַהאַלטן, דיין נאַרישע צונג!"

נאָר שווייגן ער וויל ניט, ער פייפט און ער טומלט
דער יונג, אַ דער ווילדער, אין מיטן דער נאַכט —
וואָס טויג אים צו שלאָפן! ער קוקט גאָר צום הימל,
וואָס איז אזוי ליכטיק און שיינט אַזאַ פראַכט.

עס טומלען זיך אַלע ביז ס'קומט אָן דער שומר,
און זאָגט אָן דעם בחור אַז שווייגן ער מוז;
און ער — אַזאַ חוצפּה! — ער פּייפט גאָר נאָך העכער,
ער לאַכט איצט פון אַלע — ער איז אין פּאַריז.

פאַרשטייט עס ניט נחמן וואָס איז די גדולה:
צי איז ער גאָר טאַקע משוגע דער יונג;
„וואו זיינען די גליקן?" ער פרעגט אים אַ שאלה,
און ברוך ער ענטפערט פאַרשייט מיט א ווינק

„נו גוט וועסט זיי זען, איך וועל דיר זיי ווייזן,
דו קום נאָר שפּאַצירן, פאַרשלאָף ניט די נאַכט!
אין צרות פאַרגעסט מען, די זאָרגן פאַרשוואונדן
אויף גרויסן בולוואַר, וואו מען לעבט און מען לאַכט".

IX

שפּאַצירן הערן, אַלט אין יאָרן, און זיי גאַרן —
די יאָרן ווידער צוריק געפינען אויף בולוואַרן!

זיי זײַנען מיד שוין, אַלט, פּאַרוויאַנעט; און זיי ווילן
מיט ווײַן, געזאַנג און פרויען-שמייכל, הערצער שטילן.

זיי כאַפּן קוים דאָס לעבן אָן — צוריק זיי פאַלן;
עס איז דאָס פײַער אויסגעברענט — די לעצטע שטראַלן.

דער שמייכל קרימט אַראָפּ פון ליפּן בלאַסע, אַלטע;
דאָס גלאָז שאַמפּאַניער ניט דערטרינקען — הערצער קאַלטע.

די פרויען זיצן ביי די זייטן, און זיי גלעטן
די גרויע קעפּ וואָס קויפן ליבע, און זיי שפּעטן.

עס איז דאָס לעבן רייך און שיין אויף טראָטואַרן
פון די פּאַריזער פיל באַליבטע „גראַנד"-בולוואַרן,

עס קומען פרויען דאָ געניסן פון דעם לעבן,
זיי ווילן נעמען וואָס מען קען נאָר — און אויך געבען.

פון גלעזער, פולע מיט שאַמפּאַניער, דאָ זיי טרינקען
און פול מיט ליבע אויגן זײַנען, און זיי ווינקען.

זיי לעכצן נאָך אַ האַנט, וואָס זאָל זיי גלעטן קענען,
נאָך ליפּן הייסע, ווילדע, פלאַמיקע וואָס ברענען.

מיט לייבער הייסע, גליענדיקע מיט פאַרלאַנגען
זיי וואַרטן אויף די שפּעטע שעה, אויף זון פאַרגאַנגען.

פון אַלע עקן וועלט זיי קומען דאָ צו פאָרן
די שיין געפּוצטע געסט — צו ליכטיקע בולוואַרן.

זיי פרייען זיך ווי קינדער, פרייע דאָ זיי זיינען:
עס קלינגט די מוזיק אין קאַפע, די ליכט זיי שיינען,

עס איז קיין שכנם אויג ניטאָ און אויך קיין ווייב ניט
וואָס זאָל זיי היטן און באַריידן, קיינעם אַרט ניט.

און אויסגעטאָן זיך פון די אַלע יאָרן פריער,
זיי ווערן נאַריש דאָ ווי קליינע קינדער שיעור.

אין ווין אין ווייב זיי ווילן דאָ דאָס גליק געפינען,
און פאָרן צוריק און שטיל ווי פריער לעבן קאָנען.

און יונגע לייט פון היים אַנטלאָפן, צו געפאָרן,
זיי קומען געריק דאָ אַהער צו די בולוואַרן.

און ווילד עס ברענט די תאווה אין דעם בלוט דעם יונגן,
וואָס ווייס ניט פון קיין גרעניץ, לאָזט זיך גאָר ניט בינדן.

נאָר שטיל עס לויערט שוואַרצע קרענק מיט צײַן פאַרסאַמטע;
וואָס טויטעט אָפּ דאָס יונגע לעבן דאָס פאַרפלאַמטע;

וואָס לעשט זיי אויס די יונגע כוחות, רײַסט עס איבער
דאָס נײַע לעבן — בליענדיקע הייסע גלידער.

עס לעשט זיך לעבן אויס אויף די בולוואַרן ברייטע.
עס שרײַט די מוזיק הויך אין גאַס, א ווילד פאַרשייטע.

עס קומען מיידלעך יונגע, שיינע, אומדערפאַרן,
זיי קומען זוכן גליק און ליבע אויף בולוואַרן;

זיי קומען ליבן, לאַכן, טאַנצן — אַמוזירן
און ווייסן גאָר ניט וואו דאָס קאָן זיי שפּעטער פירן.

אין ווינקלען גאַסן שטייען גרייט שוין ווי די שפּינען
די אויסגעשפּיגענע, וואָס זוכן צו געפינען:

קרבנות שוואַכע, יונגע — ווייסן קיין געפאַרן —
וואָס פאַלן שנעל צום אָפּגרונט, הילפלאָז אויף בולוואַרן,

פאַרקויפן דאָ פאַר ברויט דעם קערפּער זייערן יונגן;
און ס׳גרייט זיך קרענק און טויט צום סוף זיי אײַנצושלינגען.

און יונגע אידן גלאָצן, קוקן ווי די נאַרן,
זיי דרייען זיך אַרום ווי פרעמדע אויף בולוואַרן:

פאַרחידושט קוקן זיי אויף לעבן, וואָס פאַרשידן;
וואָס ניט געוואוינט הערצו עס זיינען אָט די אידן.

אַ טייל אַנטלויפן צוריק צו זייערע געטאָ-היימען,
זיי קאָנען ס׳לעבן פון בולוואַרן ניט פארנעמען.

עס בלייבן דאָך גאָר פילע וואונדערלעך באַרוישטע,
געקומען זיינען זיי, פון לעבן גאָר אַנטוישטע.

זיי כאַפן דאָ זיך אָן מיט נעגל און מיט ציינער
און פילן ווי צו קושן די בולווארן שטיינער.

בולוואַרן די ברייטע זיי שטורמען און רוישן,
פארכאפן דעם מענטש אין אַ פריידיקער נעץ.
פאַרפלאָנטערט אין קנוילן פון מענטשן-שפאצירער
געפינט מען דאָ נחמן און ברוך אויך איצט.

פון גרויסער התפעלות ער טאַנצט זיך דאָ אונטער
דער קינסטלער, דער גרויסער, וואָס שיינט גאָר פון פרייד;
אויך נחמן פארכאפט איז און קוקט גאָר פארוואונדערט,
ער האָט איצט פארגעסן די צרות און לייד.

און פרויען מיט אויגן וואָס ברענען און גלוסטן
אין פלאָנטער פון מענטשן, זיי קנוילן זיך איין;
און נחמן פאַרכאפט איז, ער ווערט דאָ פארשכורט
פון פרויערישע בליקן פון ביליקן וויין.

און פּלוצים ער פילט פון אַ האַנט אַנגענומען,
וואָס גלעט אים און ברייט אים — צעקאָכט אים זיין בלוט;
און נחמן, ער ווייסט ניט וואָס איז דאָ געשען,
פון וואַנען די האַנט איז, וואָס גלעט אים און ברייט.

און ברוך צעלאַכט זיך, ער שרייט אויס צו נחמן:
„געפעלסט איר, וואָס שווייגסטו! נו זיי ניט קיין נאַר!
דו ביסט אין פּאַריז דאָך, געניס זשע פון לעבן,
פאַרגעס דיינע צרות, פאַרגעס אין דיין צער!"

אַ מיידל פאַריזער, פון בלוט אויפגעשטורעמט,
געטוליעט צו נחמן זי האָט איר היים לייב,
געברענט און געצונדן זיין בלוט האָט ווי פייער,
גע׳כשוף׳ט זי האָט אים, די גלוסטענדע ווייב.

ער ווערט ווי אויף פליגל פון שטורם געטראָגן,
פאַרשטייט איצט דאָס לשון וואָס זי צו אים רעדט;
דאָס האַרץ זיינס פאַרנעמט זיי די קלאַנגען און ווערטער
און קלאָר פאַר אים לייכט עס איר הייסער געבעט.

ווי טויזענטער זונען זיי לייכטן די אויגן,
וואָס קוקן אַצינדערט מיט ליבע צו אים,
און ער אַ באַרוישטער, ווי געטער צו דינען,
מיט צאַרטקייט ער נעמט זי, די מיידל ארום.

אין לייב אירם דעם ווייסן, וואָס בלענדט אים די אויגן,
ער באָדט זיין פאַרשוואַכטן פאַרמאָגערטן גוף,
די גלידער צעגליטע ווי העלישער פייער,
פאַרשטויסן זיין אומעט, דערהויבן זיין איך.

עס האָבן די לאַשטשעס פאַרגרינגערט די משא,
וואָס האָט אים געדריקט און פאַרשוואַכט זיין געזונט,
עס האָט איר געלעגער, באַשיידן און אָרים,
אויפסניי אים געבוירן, אויפסניי ווי אַ קינד.

ס'איז פייער און בלוט אירס, אין יונגער פּראָנצוויזקע;
עס קאָכט און עס פלאַקערט איר ווילד הייסער לייב,
איר גליק זי געפינט אויף דעם ווייכן געלעגער
ווען מאַן איז מיט איר און ווען זי איז זיין ווייב.

און נחמן ער לעבט אין אַ וועלט גאָר אַ נייע,
וואָס קיינמאָל ער האָט ניט געחלומט פון איר,
אַ לעבן וואָס איז אַזוי ליב די פּראָנצוויזן,
וואָס נחמן האָט גאָר ניט געקאָנט עס פון פריער:

אין „קאַפע" פאַרברענגט ער די טעג זיינע פרייע,
פאַרביי אים שפּאַצירן די מענטשן, די מאַסן;
איז שטענדיק באַטרונקען פון ביליקע ווינען,
די מיידל זי קושט אים גאָר פריי אין די גאַסן.

ער איז איצט באַרוישט פון דעם לעבן פּאַריזער,
ער קוקט און באַוואונדערט די זאַלן די שיינע,
וואו ס'טאַנצן די פּאָרלעך צוזאַמענגעדריקטע,
פאַרגעסן די זאָרגן, פאַרשיכורט זיי זיינען.

אויך נחמן באַגייסטערט, ער טאַנצט און ער הוליעט
און פעסטער ער קלאַמערט די הענט צו זיין דאַמע
און זי, ווי באַוועגלאַז, זי קלעפּט צו זיין קערפּער
מיט אויגן וואָס ברענען ווי העלישע פלאַמען.

X

און ביילקעס געלעגער באַנעצט ווערט מיט טרערן:
זי האָט דאָך געזאָלט שוין זיין כלה באַלד זיין,
נאָר ער איז פאַרשוואונדן, ער לאָזט גאָר ניט הערן;
זי וויים ניט וואָס מאַכט ער, וואו איז זיין געביין.

זי האָט שוין געשריבן פיל בריוו אָן א שיעור,
אפילו געשיקט טעלעגראַמעס אַהין,
נאָר נחמן ער וויל גאָר ניט וויסן פון איר —
צי האָט ניט חלילה אַן אומגליק געשען?

מיט אויגן פאַרוויינטע זי לויפט צו די שכנים:
צי ווייסט דען ניט ווער, צי האָט קיינער געהערט
וואו איז ער איצט נחמן? זי פרעגט יעדן איינעם;
איר קאָפּ ווערט צעבראָכן, איר לעבן באַשווערט.

די שכנים זיי קענען קיין טרייסט איר ניט געבן,
זיי מאַכן נאָך שווערער איר ביטער געמיט:
פאַריז איז אַ שטאָט פאַר רשעים צו לעבן,
אַהין דאַרף ניט פאָרן פון ערגעץ קיין איד.

חרטה — עס שיינט פון איר בליק דעם פאַרוויינטען;
נעכיי וואָלט זי בעסער זיין עצה געפאָלגט;
איר מיידלשע אומשולד האָט צוריק זי געהאַלטן,
מיט אים מיטצופאָרן זי האָט ניט געוואָלט.

פאַראומערט זיצט ביילקע אין שטעטל פאַרוואָרפן
און לויפט אַלע ווײַלע ארוים צו דער טיר;
זי האָפט אויף אַ נס, וואָס עס וועט אפשר טרעפן,
אַ בריוו זאָל פון נחמן דאָך קומען צו איר.

XI

ווען ברוך דער קינסטלער האָט אָפּשייד גענומען,
ער איז פון „אַזיל" און פון „פּלעצל"*) אַנטרונען
און האָט זיך אין קינסטלעריש געגנט באַוויזן —
זיין האַרץ איז פון פרייד שיעור געוואָרן צעריסן.
געקומען אין לואַוורע*) האָט ברוך די קניען
געבויגן צו ערד ווי פאַר גאָט, אים צו דינען:
געמיינט דער בית מקדש איז צוריק אַ געבויטער
און דאָ וואו ער טרעט, זיינען הייליק די ערטער;
באַגייסטערט געקוקט אויף די גרויסע פיגורן,
אויף שטיינערנע געטער — פאַרצייטיקע שפּורן.
די ווענוס פון מילא, די געטין פון שיינקייט
באַשטראַלט זיי די מענטשן מיט ליבע און צאַרטקייט,
א שיינע, אַ שטאָלצע זי שטייט דאָ באַזונדער
און מענטשן ארום איר זיי קוקן פאַרוואונדערט,

*) דער אָרעמער אידישער קוואַרטאַל אין פאַריז.
*) א וועלט באַרימטער מוזעאום.

און אַנדערע שטייען און קוקן מיט ליבע
אויף בילד דעם בארימטן, אויף מאָנאַ-ליזע*) —
דעם הייליקן שמייכל פון שטילער זשאָקאָנדע
פארגעסן זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט קאָנען —
און ברוך דערהערט האָט די הימלישע קלאַנגען,
וואָס קלינגען ארוים פון די פארבן און ליניען,
פון בילדער, סטאַטועס — ער האָט זיי די מייסטער
דערזען, די ליכטיקע שטראלנדע גייסטער.

אַ שרעק איז באַפאַלן דעם בחור פון פוילן,
וואָס שטייט אזוי הילפלאָז אין לואווער דעם גרויסן,
פארלאָרן ער פילט זיך, אינגאַנצן צעבראָכן:
ווער דאַרף אים דען האָבן, זיין ארבעט זיין מאָלן!
ווי קען ער נאָך שאַפן און מאָלן גאָר איצטער,
אַז רייך איז די וועלט מיט בילדער און קינסטלער;
און נישטיק און קליינלעך ער האָט זיך דערזען,
ער ווייסט ניט וואָס ווייטער ער האָט איצט צו טאָן.
ווער איז ער? וואָס קאָן ער? — עס האָט אים געמאַטערט,
זיין צייט נאָר אומזיסט גאָר ער האָט זי געפּאַטערט —
א שרעקליכער טרויער עס איז אים באַפאַלן
און האָט אָפּגעטויט אים זיין כוח און זיין ווילן.
אַ שניידער צו ווערן געטראַכט האָט ער, מילא,
ער איז שוין סיי ווי אַ צעבראָכענע כלי.
און ברוך, ער בלאָנקעט ארום אויף די גאַסן,
פארלירט זיך אין פלאָנטער צעווישן די מאַסן;
זיין האַרץ נאָר עס ציט אים צוריק צו דער גאַס,
באַרימט אויף דער וועלט איז — דער מאָנפּאַרנאַס*).

---

*) א וועלט־בארימט בילד, געמאָלן פון דעם איטאליענישן מאלער לעאָנארדי דע ווינשי.

*) קינסטלער־קווארטאל אין פאריז.

XII

עס איז דער „מאָנפּאַרנאַס״ —
די קינסטלער־היים אין גאַס:
אַ ווינקל אויף דער וועלט,
וואָס מענטש האָט זיך געשטעלט,
וואו שותּף וויל ער זיין
צו גאָט, דעם האַר אליין;
ער שאַפט זיך וועלטן דאָרט
פון שטיין און פאַרב און וואָרט;
און ווייזט זיין גרויסע מאַכט —
ער שאַפט אויך טאָג און נאַכט:
ער מאַכט די זון פאַרגיין
אויף לייוונט פאַרביק שיין;
דער ים, ער שטורמט ביז
אויף בילד ביי אים אין הויז; —
עס שאַפט דעם מאַלערס האַנט
אַ לעבן אויף דער וואַנט.

צווישן שטיינער פיל,
ער שטייט פאַרטראַכט און שטיל
און האַקט און קלאַפט דאַ אויס
אַ לעבן שיין און גרויס:
פון ליים און ערד ער קנעט
א מענטשן אויס וואָס לעבט;

ווי געטליך איז די קראַפט
פון סקולפּטאָרס מייסטערשאַפט!

עס איז דער מאָנפּאַרנאַס
די וועלטס באַרימטע גאַס,
מיט גרויסן כוח באַזעלט
פון קינסטלער פון דער וועלט.
עס איז אַ גרויסע פרייד
פאר מענטש פון לענדער ווייט
צו קומען צו דער שטאָט,
וואָס רו און פרייד פאַרמאָגט.
עס איז די שטאָט געבענטשט
מיט שאַפונגס־כוח און מענטש,
ער ווערט דאָ אויפגעוואַכט
און שטאַרקער ווערט זיין קראַפט.
עס איז דאָס פאָלק פאַרליבט
אין קונסט פון פאַרב און בילד,
עס שאצט דעם קינסטלער הויך
און גרעסער ווערט זיין כוח.
ביי טישלעך אין „קופּאל"*)
עס זיצן ברייט מיט שטאָלץ
די געסט ביי גלעזער ווייַן
און זאַפּן אין זיך איין
דעם קינסטלערס שאפונגס פרייד —
דעם כוח פון אייביגקייט.
און מענטשן קומען מיד
פון גרויסן וועלט־יאריד;

*) א „קאַפע" וואו עס פאַרזאַמלען זיך קינסטלער און אויסלענדער.

פון האַנדל און געיעג,
פון גרויע, שווערע טעג —
און דאָ זיי רוען אָפּ
דעם שווערן מידן קאָפּ.
צום פול געפּאַקטן „דאָם"*)
עס ציט זיך מענטשן שטראָם:
מען וויל פאַרגעסן יאָך,
די גרויע, שווערע וואָך,
מען זיצט, מען טרינקט, מען רעדט,
דאָס לעבן שענער ווערט —
אַראָפּ עס איז דער עול
און גוט דאָ איז און וואויל,
עס איז דעם קינסטלערס כּוח,
וואָס הויבט דעם מענטשן הויך.

עס איז די ברייטע גאַס,
אַ גרויס פאַרזאַמלונגס-פּלאַץ
פאַר פעלקער פון דער ווייט,
זיי זיצן זייט ביי זייט:
דער טערק און דער בולגאַר,
דער דייטש און דער טאַטאַר,
דער הינדו און דער סלאַוו,
כינעזער און אראב;
זיי קומען דאָ אַהער
אין קליידער מאָדנע זייער;
די גאַס זי ווערט פאַרבלענדט
פון פאַרבן, ווי אָריענט.

*) אַ „קאַפע" וואו עס פאַרזאַמלען זיך קינסטלער און אויסלענדער.

XIII

ווי שוואַרצער פלעק אין גרויסן ליכט
האָט ברוך איצטער זיך געפילט;
אַראָפּגעשטופּט פון גלייכן וועג
און אָפּגעשניטן זיינען טעג;
אַוועק עס איז זיין גאַנצער כוח
ווי אויסגעליידיקט איז זיין מוח.
דער מאָרגן שוואַרץ איז ווי די נאַכט,
פאַרשוואונדן איז זיין גאַנצע מאַכט,
פאַרצווייפלט קוקט ער זיך אַרום —
זיין האַרץ צעבראָכן, וויינט אין אים;
שפּאַצירט ער הילפלאָז אויף דער בריק,
און פּלוצים, אָ! ער גיט אַ קוק:

אַ איד ער פליט אַראָפּ פון דאַך
און גיט דערנאָך זיך אַ צעלאַך,
ער גיט אַ הויב זיין שוואַכע האַנט
און טראָגט אַוועק אַ גאַנצע וואַנט;
פאַרגלוסט זיך אים, דעם מאָדנעם איד,
וואָס איז שוין איצט אַ ביסל מיד,
טאָ רייסט ער אויס אַ בוים פון וואַלד
און זעצט זיך אויף אים רייטן באַלד;
און הויבט אַ גוי זיין שטעקן אויף
און האַלט אים איבער אידנס קאָפּ.

עס גיט דער איד אַזאַ געשריי,
די וועלט צעשפּאַלט זיך באַלד אין צוויי;
און אַט די פּאַלעס ער צעשפּרייט
און שווימט אריבער ימים ווייט.

פאַרחידושט ווערט ער ברוך גאָר,
צי איז דאָס מעגלעך אויף דער וואָר! —

נו, ווערט דער איד אַ בייזער שוין
און כאַפּט אַראָפּ דעם קעניגס קרוין,
ער טוט זי אָן אויף ברוכס קאָפּ
און זעצט אים אויף דעם טראָן ארויף;
נאָר ברוך וויל קיין קעניג זיין,
ער וויל גאָר מאָלן בילדער שיין;
נו, זיצט ער אויף דעם טראָן און וויינט
ביז וואַן עס קומט דער איד צו גיין:
ער לאַכט פון ברוך'ן, דעם שנעק,
וואָס גיט אַ קעניגרייך אַוועק,
ער וואַרפט אים באַלד אַראָפּ פון טראָן
און זאָגט אים מיט אַ בייזער אָן:
„נו, גיי דיר ווייטער ווילדע זאַך
און מאָל א איד, וואָס פליט פון דאַך!"

אויף וועגן גאָר נייע איז ברוך געגאַנגען,
אויף וועגן מאָדערנע ווי ס'פּאַסט פאַר דער צייט;
זיין האַנט איז פון קלאַסיקער מער ניט געפאַנגען,
פאַרלאָפן ער איז גאָר די דורות פון ווייט.

משונה דאָס לעבן, משונה די בילדער;
די שיטה די נייע, געפעלט אים גאָר גוט:
אַז ווילד זיינען מענטשן, איז גאָר ניט קיין וואונדער,
מען מאָלט זיי מיט הערנער, מיט רויטע ווי בלוט.

מען פייניגט דעם איד, ער באַהאַלט זיך אין לעכער,
ער האָט גאָר קיין פּלאַץ ניט שוין באַלד אויף דער ערד;
נו, פליט ער ארום איבער הייזער און דעכער,
אויף בילדער געמאָלטע פון קיינעם געשטערט.

משוגע די וועלט, זי ברעכט זיך אין שטורם —
א ווירבל פון קנוילן, וואָס האָט ניט קיין צוועק;
דאָס אויג פון דעם קינסטלער — זיין פאַרב און זיין פאָרם
דערזעט עס דאָס לעבן און שרייט אוים פאַר שרעק:

ער ברעכט זיי די ליניעס, צעמישט זיי די פאַרבן,
ער רייסט אויף די אויגן דער קינסטלער דער העלד,
ער ווייזט אים דעם פּגר — דאָס מוראדיק לעבן;
און שלעפּט עס פון אָפּגרונט דורך פאַרב און דורך בילד.

און ברוך געוואָרן איז רייך און באַרימט,
פאַרגעטערט ער ווערט איצט פון מענטשן א סך;
ער זיצט אָפּט און טראַכט זיך פון וואַנען דאָס קומט —
דערמאָנט ער זיך באַלד אָן דעם איד אויף דעם דאַך.

XIV

עס שיינט די שטאָט מיט טויזנט חן'ען,
זי איז געוואָרן ליכטיק, גרוים;
אָט שפּאַנט ער נחמן מיט דער מיידל —
ווי אַנדערש זעט די שטאָט איצט אויס!

די מיידל רעדט איר שפּראַך, פראַנצויזיש,
די שפּראַך געפּעלט אים זייער שיין.
זי הייסט קאָזעט, דערציילט זי שעלמיש,
ער קען זי איצטער אַלץ פאַרשטיין.

מיט פייער קושט זי זיינע ליפּן,
ביי איר איז ער אַ העלד, אַ ריז,
זי ליבט אים היים ווי ס'קאָן נאָר ליבן
אַ טאָכטער פון דער שטאָט פּאַריז.

זי פירט אים צו דעם ליבן „מאָנמאַרט",
צום צויבער-באַרג, וואָס לאַקט און רופט;
זי האַלט אים פעסט אַרומגענומען
און ער איז גליקלאַך, לאַכט און שטיפט.

XV

הייזער אַלט און איינגעבויגן,
געסלעך שמאָלע אויסגעצויגן,
קוקן פון אַ באַרג אַראָפּ;

הויפן — נאָרעס ווי די לעכער,
אָפּגעשונדן, קרומע דעכער,
ווארפן שאָטנס אויף דער שטאָט;

„סאקרע קער"*) זי שיינט פון ווייטן,
שיצט דעם „מאָנמאַרט" דעם פארשייטן,
שטייט אַ שטאָלצע אין דער הויך.

ס'קומען פיל פון ווייטע לענדער:
אַלטע, קראַנקע, שוואכע קינדער,
„ס'הייליק האַרץ"*) זאָל געבן כוח.

אַלטע קירכעס, שטאַר און פינצטער,
שטייען שטילע ווי געשפּענסטער —
ס'צאַנקען ליכט ביי גרויע ווענט.

קירכן־גלאָקן הילכיק קלינגען
שווארצע נאָנעס ברומען, זינגען,
בעטן גאָט פאַר מאָנמאַרטס זינד.

---

*) בארימטע קירכע.

*) דער טייטש פון „סאקרע קער".

פרויען שמייכלען פון די פענצטער,
ווינקען, רופן: „קום מיין שענסטער!"
פול מיט תאווה זייער בליק;

מענער ווערן אָנגעצינדן,
ווערן אין די ווענט פארשוואונדן —
לויפן זוכן שעה פון גליק.

אין הערמיט פון טענץ און פריידן,
גייט אַ יונגע פרוי באַשיידן —
זוכט אַ קבר דאָ ארום:

קומט אַהער פון לאַנד דעם נאָענטן,
קומט פון פראנקרייכס בייזן שכן —
דייטשלאַנד איז איר זיסע היים;

קומט צום דיכטער, דעם באליבטן
היינריך היינע, דעם פאריאָגטן
פון זיין לאַנד און פון זיין שטוב;

דאָ אין מיט פון פרייד, געלעכטער,
זוכט זי אים, דעם טויטן דיכטער —
ברענגט אים בלומען צו זיין גרוב;

לייגט די בלומען אויף זיין קבר,
קושט דעם ווייסן קאַלטן מאַרמאָר
קריצט איר נאָמען דאָרטן אוים;

זאָל דער דיכטער פון איר ווײסן,
אירע אויגן טרערן גיסן,
מאַכן ווייסן מאַרמאָר נאַס;

איינזאם שטייט זי לאַנגע שעה'ן,
ביז דער טאָג הויבט אָן צו גרויען,
גייט זי שטיל פון דאָרט אַוועק.

ניט אליין שוין גייט זי איצטער,
ס'דאַכט זיך איר, אז אויך דער דיכטער,
ער באַגלייט איר אויף דעם וועג.

אַלטע, קליינע, גרויע שענקען,
מענטשן זיצן און זיי טרינקען,
הינט שפּאַצירן אומעטום;

קאַפּעס, זאַלן, קאַבאַרעטן,
רייכע פּאָרלעך אין קאַרעטן
אויף דעם מאָנמאַרט פאָרן אום.

ווען עס טוט די זון פארשוואונדן,
ווערט דער מאָנמאַרט אויפגעבונדן —
פריילעך לוסטיק איז די נאַכט;

פּאָרלעך פעסט ארומגענומען
טרינקען, טאַנצן ביז באַגינען —
ס'האָט דער מאָנמאַרט אויפגעוואַכט;

אין די גרויסע קאפע־זאַלן
הערט מען די אָרקעסטערס שפּילן;
רעדלעך מענטשן אויף דער גאַס

הערן איין זיך צו געזאַנגען,
פרייען זיך מיט ווייטע קלאַנגען;
גאַס איז פול מיט פרייד און שפּאַס.

כשופדיק עס לייכטן שטערן,
הערצער ברענען פון באַגערן,
נאַכט, זי רופט צו פרייד און לוסט;

אויפגעוואַכט עס האָבן זינדער,
און ווי קליינע שוואַכע קינדער,
גערין זוכן מאַנמאַרטס שויץ.

אין דערמיט פון לוסטיק לעבן,
ביי דער „מעטראָ"*), דאָ דערנעבן,
שלאָגן צוויי זיך פאר אַן אָרט:

אַלט צעבראָכן און באַשפּיגן
שלאָפן זיי דאָ אויף די שטיגן,
ווי די ווערים אויף דער ערד;

שלעפּן זיך ארום אויף גאַסן
און פון מיסטן קלייבן עסן;
קומען מידע דאָ אַהער.

*) אונטערערדישע באַן.

שלאָפֿן דאָ אויף קאַלטע שטיינער,
ברעכן זיך די אלטע ביינער
ביי דער „מעטראָ“ אויף דעם סקווער;

און זיי קוקן אויף די פריידן,
וואָס דער „מאָנמאַרט“ טוט פאַרשפּרייטן,
ווי אויף קינדיש לייכטן שפּאַס;

כוחות זיינען אויסגעגאַנגען,
קליינע זיינען די פאַרלאַנגען —
שפּייז פון מיסט, אַן אָרט אין גאַס.

ווען דער זייגער וועקט דעם בירגער
און ער וואַכט פון זיין געלעגער —
ס'הויבט זיך אָן דער טאָג מיט זאָרג.

לויפן מענטשן צו די היימען,
דאָרטן שפּינען זייערע טרוימען
פון פּאַריזער צויבער־באַרג.

„מיידלעך“ איילן צו געליבטע,
מיט די געלטער, די פאַרדינטע —
פאַלן אויף די בעטן שווער.

פון דער זון די ערשטע שטראַלן
שפּיגלען זיך אויף די קופּאָלן
פון דער קירכע „סאַקרע קער“.

ס׳הויבט זיך אָן דער טאָג צו רוישן,
גאַס ווערט פול מיט נייע מענטשן —
אוים דער יום טוב פון דער נאַכט.

ווידער ווערן פול די שענקען.
מענטשן קומען עסן, טרינקען,
קירכעס שטייען צוריק אויף וואַך.

XVI

אויף געסלעך אַלטע פון פאַרצייטן,
אַ לעבן פירט מען א פאַרשייטן;
עס שאַרן מענטשן זיך ווי שאָטנס,
באַהאַלטען זיך אין שוואַרצע גאָרנס,
עס איז דאָ ס׳לעבן טיף פאַרבאָרגן,
מען שרעקט זיך פאַר דעם ליכט פון מאָרגן;
מען זוכט דאָ זשעדנע פאַרגעניגן.
און כשר זיינען אַלע וועגן.

— — — — — — — — — — — — — —

זי וויל פון אַלץ קאַווערט געניסן,
און נחמן ווערט אויך מיטגעריסן.

אַ קעלער, טיף אַראָפּ צו גיין,
אַ הייל, וואָס אויסגעהאַקט פון שטיין:
אַ תּפיסה איז אַמאָל געווען
און היינט אַ פּלאַץ צו טרינקען וויין.

די הייל פאַרזונקען איז אין ד׳ערד
דאָס לעבן דאָ גאָר אַנדערש ווערט,
פּאַרלאַנגען ווילדע, אומדערהערט,
דערוואַכן פּלוצים, אומגעשטערט.

אַ דאַמע טאַנצט און זינגט אַ ליד:
פאַרשייט זי וואַרפט דאָס קלייד פון זיך,
עס ברענען אויגן פיבערדיק,
עס פלאַקערט אויף דאָס הייסע בלוט;

די דאַמע זינגט פון ווייב און וויין,
זי לאַדט צום ווילדן טאַנצן איין,
איר נאַקעט לייב איז שלאַנק און שיין,
עס רופט איר ליד אין וואַלד אריין.

די לופט פאַרדאַרבן איז און שווער.
און פּלוצים עפּעס פינצטער ווערט;
פון קייטן רייסט זיך ווילד באַגער,
און קולות ווילדע מען דערהערט:

אַ ליידענשאַפט האָט זיך צעברענט
אין טיפער הייל ביי גרויע ווענט,
די אויגן ווערן ווי פאַרבלענדט
און כשופדיק עס ציען הענט

צו הייסע בריסטן, ווייסן לייב,
צו אויפגעשטורמט גליענד ווייב,
און יעדע שטערונג ער פאַרטרייבט —
דער מענטש אינגאַנצן נאַקעט בלייבט.

דאָס נאַקעט לייב באַהעלט די נאַכט,
דער אורמענטש האָט זיך אויפגעכאַפּט
און רייסט די קייט מיט ווילדער קראַפט,
וואָס דורות לאַנג האָט אים פאַרשקלאַפט.

און קולות ווילדע קרעכצן שטיל,
עס ברומט דער מענטש מיט היים געפיל,
ער האָט דערגרייכט שוין איצט זיין ציל
און אייביק בלייבן דאָ ער וויל.

אויך נחמנס לייב איז איינגעקלעמט
אין מיידלס הייסע ווילדע הענט;
אַ פייער האָט איר לייב צעברענט,
זי רייסט די קליידער פון זיין לענד.

די מיידל רייסט אים חיהש ווילד:
פאַרלאַנגען אירע, ניט געשטילט —
וואָס דורות האָבן ניט דערפילט;
אַנטפּלעקן דאָ זיך ניט פאַרהילט.

באַפאַלט אים אַזאַ שווער געמיט,
ער שרעקט זיך פאַר איר קאָכיק בלוט,
וואָס רייסט צו אים זיך און עס בריט;
מיט מורא קוקט דער פרעמדער איד.

ער וויל אַוועק פון קעלער גיך,
ער שטופּט דאָס מיידל אָפּ פון זיך;
צערייצט איז זי ווי ווילדער רוח...
אַ פּאַטש אין הייל האָט אָפּגעהילכט.

צעטרייסלט ווערט די שטילע נאַכט:
דער מענטש פון אָרגיע האָט דערוואַכט,
געקוקט אויף נחמן מיט פאַרדאַכט
און האָט זיך שפּאָטיש הויך צעלאַכט.

XVII

אַמאָל זי פילט זיך זינדיק שווער,
קאַוזעט אַן אומעטיקע ווערט:
מיט מורא קוקט זי אין דער ווייט,
צי איז ניט שטראָף שוין אָנגעגרייט
פאַר איר, וואָס איז מיט לעבן פיל,
און לעבט מיט שטורם אָן אַ ציל.
די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט,
געבעטן זיך, געוויינט, געקלאָגט —

פארגעסן זאָל זי ניט אָן גאָט
און גיין אין קירכע זאָל זי פאָרט,
צום סוף, זי האָט פארגעסן גאָר,
אין קירכע ניט געווען א יאָר;
עס דאַכט זיך איר די מאַמע שרייט,
זי זאָל ניט זיין אזוי פארשייט,
עס רופט דער גלויבן פון איר שטאָם,
געשווינדט זי לויפט צו „נאָטרדאם"*).

אַ קירכע אין פאריז,
וואָס שטייט אין מיט פון שטאָט,
זי שטייט, דער גרויסער ריז,
שוין דורות לאַנגע דאָרט.

מיט טורעמס באַ דער זייט,
ווי הענט, וואָס אויסגעשטרעקט,
זיי גרייכן זייער ווייט
און ווארפן אָן אַ שרעק.

פיגורן קוקן ווילד
אַראָפּ צו ברייטער גאַס,
מיט צאָרן ניט געשטילט,
מיט אויגן פול מיט האַס;

די בילדער אויף די ווענט,
זיי דראָען מיט געפאַר,
דעם זינדיקן, דעם נאַר —
דעם מענטש, וואָס איז פאַרבלענדט.

*) א היסטאָרישע וועלט-בארימטע קירכע.

אין סודות איז פארהילט
די קירכע „נאָטרדאַם",
זי ווייסט פון זינד גאָר פיל
און ווארפט אַ שרעק ארום.

שוין דורות לאנג זי הערט
זיך אָן מיט מענטשנס זינד
און אַלע מאָל זי ווערט
דערשטוינט ווי גאָר אַ קינד.

פון נאָענט און פון הייט
עס קומען יונג און אַלט
צו קירכע, וואָס איז גרייט
די זינד פארגעבן באַלד.

זי הערט די ודוים אוים
און גלויבט ניט זיך אַליין,
ווי שלעכט דער מענטש ער איז,
פארדאָרבן און געמיין.

און טויזנט יאָר שוין באַלד
די קירכע איז געבויט,
געלייגט דעם ערשטן שטיין
עס האָט דער פויפסט אַליין;

זי רופט ארוים רעספעקט,
די אַלטע גרויע קירך
און הויך זי קלינגט און וועקט,
זי רופט דעם מענטש צו זיך.

עס ציען מחנות זיך
מיט הערצער זינדיק שווער,
מיט קעפּ געבויגן טיף,
זיי קלאַפּן אין איר טיר.

די „מאַמע" איינגעפּאַסט
אין גאָלד, מיט ליכט ארום,
רחמנותדיק פאַרטראַכט
און שווייגענדיק און שטום:

זי קוקט אַראָפּ צום מענטש,
וואָס איז אַזוי פאַרנאַרט
ווי ווייניק ס'איז אים אַלץ,
ער גליסט נאָר און ער גאַרט;

און דאָ דער סוף ער גייט,
מיט שטילע שווערע טריט,
מיט טויזנט הענט שוין גרייט
און קיינער זעט אים ניט.

עס קומען מענטשן שטילע,
פאַרשטויסן און פאַרלאָזט,
זיי ווילן מיט אַ תפילה
באַהעפטן זיך צו גאָט.

פון גאָט אַ מיידל קומט,
דעם קערפּער זי פאַרקויפט,
דערציילט דאָ אירע זינד
און צוריק אין גאָט זי לויפט.

אַ מאַן, ער קניט און פֿאַלט
פֿאַרצווייפֿלט צו דעם דיל,
זיין האַרץ אַנפֿלעקט ער באַלד
צו גאָט און מורמלט שטיל:

אַ ווייטיק דריקט אים טיף,
זיין האַרץ עס איז פֿאַרקלעמט
און גרויס עס איז זיין זינד.
פֿון בלוט נאָך רויט די הענט.

דער אלטער אין דאָס קינד,
זיי בויגן זיך צו ערד,
דערציילן זייערע זינד
פֿאַר פּריסטער אומגעשטערט.

זיי ווערן דאָ געבענטשט,
געלייטערט און באַשטראַלט,
נאָר שוואַך עס איז דער מענטש
און זינדיקט ווידער באַלד.

צופֿוסנס פֿון דער קירך
עס לויפֿט דער „סיען", דער טייך,
וואָס שלענגלט דאָ זיך דורך
און לויפֿט אַוועק גאָר ווייט.

און שיפֿן פֿאָרן אום
מיט פֿאָרלעך היים פארליבט,
געלעכטער איז ארום,
די יוגנט לאכט און שטיפט.

און פריי דער קוש ער קלינגט
מיט ליבע לאַשטשען הענט
און שאָטן פון דער קירך
ביי אירע גרויע ווענט.

XVIII

ווי אָפּגעריסן פון דעם וואָרצל,
ווי אָפּגעהאַקטער צווייג פון בוים,
האָט נחמן פלוצים זיך דערזען
געוויינט עס האָט זיין האַרץ אין אים.

ווי שוים עס איז געשווינדט פאַרגאַנגען
די פרייד, וואָס האָט זיין האַרץ פאַרכאַפּט,
עס איז אַוועק און ווייט פארשוואונדן
דאָס גליק פון ווייַן און פרויען קראפט.

די פרוי, וואָס דריקט אים צו איר בוזעם,
געוואָרן איז אים ווייט און פרעמד,
ער האָט דערמאָנט זיך אין זיין שטעטל,
נאָך ביילקען האָט ער זיך פאַרבענקט.

פאַרשאָטנט זיינען טעג געוואָרן,
ביינאַכט עס נעמט זיין אויג קיין שלאָף,
זיין לעבן שווער איז און פאַרדאָרבן —
נאָר קומען מוז צו דעם אַ סוף.

עס איז שוין צייט א בריוו צו שרייבן
צו ביילקען דאָרט, וואָס זיצט און וואַרט,
דעם אומעט וויל ער שוין פאַרטרייבן
און בעט, אַז זי זאָל קומען באַלד.

XIX

אין פינצטערער שטוב מיט צעבראָכענע פענסטער,
וואָס קוקן ווי לעכער צו „פּלעצל" אַראָפּ.
איז פריילעך און לוסטיק געוואָרן אַצינדערט,
געקומען אַ גאַסט איז אַהער צו דער שטאָט.

געקומען איז ביילקע, פאַרפּוצט ווי אַ גרעפין
צו נחמן, וואָס האָט זיך דאָך ענדלעך דערמאָנט,
אַז לאַנג שוין זי ווארט דאָרט אַ שטילע, פאַרשעמטע.
ווי האָט ער פאַרגעסן אין איר גאָר געקאָנט!

די אויגן פון נחמן זיי שיינען פאַרליבטע,
זיין ליבע צו ביילקען געוואָרן איז גרויס,
פאַרגעסן ער האָט זי, די פרוי, די פאַריזער,
זי איז אים אינגאַנצן פון האַרצן אַרויס.

באַפרייט שוין ער האָט זיך פון גרויסן געטומל,
וואָס האָט אים געהאַלטן ביז איצט ווי אין צוואַנג,
געקומען איז ביילקע געשיקט ווי פון הימל,
געברענגט אים איר צאַרטקייט, איר שטילן געזאַנג;

זיין שטעטל, זיין מאַמע, זיין לעבן פאַרגאַנגען,
געקומען מיט ליבשאַפט איז ווידער צוריק,
אַוועק איז דער שטורם, ווי רויך אויסגעגאַנגען,
און ביילקע זי רייניקט זיין האַרץ מיט איר בליק.

זי זינגט אים אַ לידל, דערציילט פון זיין מאַמען
און ער מיט באַגייסטערונג הערט זיך גוט איין,
ער איז אזוי גליקלעך מיט ביילקען צעזאַמען,
זיין לעבן עס ווערט אזוי הייליק און ריין.

XX

אליין אויף געלעגער מיט אויגן פאַרפינצטערט
עס ליגט די פראַנצוויזקע די קליינע קאוזעט,
זי ליגט א פארשעמטע, איר האַרץ איז פאַרביטערט,
זי וואַרפט זיך נערוויאיש אויף איינזאַמען בעט.

די חברטעס אירע זיי האָבן געוואָרנט,
זי זאָל אים ניט גלויבן, דעם איד פון דער פרעמד,
און זי איז געוואָרן גאַר שרעקליך דערצאָרנט —
זי האָט שוין אָן נחמן ניט לעבן געקענט.

אַ שרעק, עס פארשפרייט זיך אויף איינזאַם געלעגער,
זי הערט זיך שטיל איין אין דער פינצטערער נאַכט:
צי קומט ער ניט אפשר איר נחמן, איר ליבער,
זי הערט זיינע טריט שוין, אָט קומט ער, איר דאַכט.

און אפשר, ער ליגט גאָר מיט בלוטיקע וואונדן,
דערשלאָגן פון עפּעס א מערדערשער האַנט;
נקמה גענומען און נאָכדעם פארשוואונדן: —
משוגע זי קלאַפּט זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנט.

און פּלוצים עס רייסט זיך אַ בלוטיקע כוואַליע,
וואָס וויל זי דערטרינקען אין בלוטיקן רויט:
צי ליגט ניט גאָר נחמן אין אָרמס אין נייע
און לאַכט גאָר פון איר, פון דער נאַרישער מויד.

מיט צאָרן זי האָט זיי, די הענט אויפגעהויבן,
געשוואָרן צו נעמען נקמה גאָר באַלד;
איר פּנים איז פינצטער, פארבלוטיקט די אויגן...

צעריסן די נאַכט האָט אַ שרעקלעך געוואַלט!!!

XXI

אין שוואַרצן געהילט און מיט פלאַמיקע אויגן,
זי האָט זיך צום ריכטער מיט טרערן געווענדט,
ס'איז אמת, זי האָט אים, איר נחמן, דערשאָסן,
ווייל לעבן אָן אים האָט זי מער ניט געקענט.

און ביילקע צעבראָכן, פאַרוויינט און פאַראומערט
זאָגט עדות, אַז זי האָט אליין צוגעזען:
„ביינאַכט איז די מיידל אַ ווילדע געקומען,
און דאַן איז דאָס שרעקלעכע אומגליק געשען;

מיט ווילדער רציחה זי האָט אים דערשאָסן,
אָט די וואָס זי שטייט דאָ, די קליינע קאָוזעט,
דערנאָכדעם זי האָט זיך אויף דר'ערד געוואָרפן,
געקושט אים די ליפּן, געהאַלזט און געגלעט".

עס זיצן די ריכטער און טראַכטן און קלערן
און פול מיט רחמנות עס איז זייער האַרץ;
די קליינע קאָוזעט, זי רירט זיי ביז טרערן,
זי איז אַזוי שיין אָט די מיידל אין שוואַרץ.

זיי קוקן אויף ביילקען און זיינען פאַרוואונדערט,
צי איז ער משוגע דער יונג גאָר געווען,
פון שיינער פראַנצויזקע צו ווערן אַנטרינען
און לויפן צו ביילקען — ווי קאָן עס געשען?

אין כעס נאָך זיי ווערן אויף נחמן — דעם פרעמדן,
וואָס שווער האָט באַליידיקט אַ קינד פון פאריז,
געלעבט ווי אויף הפקר אין לאַנד דאָ דעם גרויסן
און שולדיק אין אומגליק אַליין נאָר ער איז.

און פייערלעך טוען די ריכטער דערקלערן,
אז שלעכט האָט געהאַנדלט דער מענטש פון דער פרעמד,
אַז שולדיק זי איז ניט די קליינע פראנצויזקע,
וואָס איז דאָ געוואָרן פון נחמן פארשעמט.

XXII

די שטוב איז איין ענגע מיט ברודיקע ווענט,
עס זיצן די מיידלאַך, געקומען פון פרעמד.
זיי נייען די קליידלעך, ביז שפעט אין דער נאַכט
פאר דאַמען פאריזער מיט שיק און מיט פראכט.
זיי זיינען צופרידן צו ארבעטען שווער,
אַבי ניט צו זיין אין דעם „לאַנד" דאָרטן מער.
זיי לאַכן און זינגען, ווייל גרויס איז די פרייד —
שוין פטור געוואָרן פון צרות און לייד;
און פריי איז דאָס לעבן, און פריי איז די וועלט,
עס פעלט ניט קיין ארבעט, עס פעלט ניט קיין געלט;

באגייסטערט זיי זיינען פון פרעכטיקער שטאָט —
פאריז אַ גן עדן, געבענטשט איז פון גאָט.
ווי איידל דאָס פאָלק איז, ווי פיין און ווי גוט,
באַהאַנדלען מיט יושר דעם אָרימען איד.
עס זיצט דאָ אויך ביילקע און האָרעוועט שווער,
פאַרפלעקט זיי, די קליידלעך גאַנץ אָפט מיט אַ טרער.
זי בענקט נאָך איר נחמן, נאָך היים און נאָך שטוב,
וואו אַלץ איז געוועזן איר טייער און ליב.
די טרערן זיי ווערן פארזונקען אין קלייד,
איר זיפץ ווערט פארשלינגען פון רוישיקן זייד.

XXIII

אין אָרעמע שענקען
ביי ביליקן וויין,
געפינט מען קאוזעטן
טאָג אוים און טאָג איין.

מיט אויגן פארזונקען
זי קוקט צו דער גאַס,
טוט עמיצער ווינקען —
זי ענטפערט מיט האַס.

ס׳איז אָרעם איר קליידונג,
איר פּנים איז בלייך ;
זי גייט ארום שטענדיק
ביים ברעג פון דעם טייך.

אַ בייזע, מיט פאַרוואורף
זי קוקט אין דער ווייט —
וואָס קריכט אזוי לאַנגזאַם
די שרעקלעכע צייט ! ! !

אין טיפן צער זי פאלט :
און אויסגעלאָשן באַלד
עס ווערט איר אויג, זי פילט —
אויף מיסט א בארג זי ליגט ;
די פליגל אָפּגעהאַקט,
פארשוואונדן איז איר קראַפט,
עס פינצטערט איר געזיכט,
ווי אויסגעגאַנגען ליכט ;
די זון, זי שטעכט און ברענט,
פארניכטעט און פארלענדט ;
עס זינקט איר אויג אַראָפּ
צו ערד און טיפן גרוב ;
עס לאָקט און רופט דער טויט,
באַהאַלטן אין איר הויט.

צו וואָס נאָך לעבן לאַנג
פארשוועכט, צעבראָכן, קראנק!
ווען שוין פארניכטעט איז
איר גייסט, און זי נאָך מוז
פארוועלקן פאר דער צייט,
ווי אָפּגעהאַקטער קווייט;
איז בעסער ברענגען גיך
דעם טויט אַקעגן זיך.
געדאַנקען שווארץ ווי נאַכט,
זיי ברענען אין איר מאַרך;
און רייסן ווילד און שווער
דאָס לעבן אויס פון איר:
צו וואָס דען לעבן נאָך
אויף אָנגעוואָרפן בראָך! —
ווען פינצטער זיינען טעג,
ווי בלינד — געוואָרן — אויג.
פון שווארצער קאַלטער ערד,
אַ קול עס רופט, זי הערט,
וואָס שרייט פון יעדן ברעג —
אַנטלויף — אַוועק, אַוועק!
נאָר וואו? — זי שטייט און טראכט
און פרעגט בא שווארצער נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

צום גרונט פון טייך, פון סיען —
עס גיט אין קאָפּ אַ ברען!

זי לויפט מיט אימפעט צוריק
צום אויסגעפוצטן בריק,

און קוקט פון דאָרט א פּער,
צי קיינער קוקט אויף איר:
און שווארץ די נאַכט איז, שטום
און קיינער קוקט זיך אום;
דאָס וואסער מורמלט שטיל
און רופט מיט היים געפיל;
זי הערט דעם רוף געשווינדט
און לאָזט זיך ווי א קינד
פארוויגן אין דער וויג,
וואָס אונטער שיינעם בריק...

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר, ווי, דער טייך ער שרייט;
און מענטשן באַ דער זייט
דערהערן באַלד דאָס קול
און לויפן מיט אַמאָל:
און אָט זיי שלעפּן גלייך
די מיידל פון דעם טייך.
פארשעמט און פול מיט שרעק,
קאַזעט אַנטלויפט אוועק;
און הערט נאָר ווי עס שרייט
אַ מענטש אויף איר פון ווייט —
„משוגע איז די מויד,
וואָס לויפט אַליין צום טויט!"

XXIV

עס וואָלט זיך דאָס לעבן אזוי זיך געגאַנגען
און קיינער וואָלט מער ניט פון נחמן געהערט,
נאָר מזל דאָס האָט ער דער זעליקער נחמן,
מען זאָל אים געדענקען עס איז אים באַשערט.

ווען ברוך האָט שפּעטער אין צייטונג געלייענט,
וואָס איז דאָ מיט נחמן פון פּוילן געשען,
ער האָט, אזוי פּלוצים, פאר שרעק זיך צעוויינט,
געלאָפן געשווינדט צו דעם קבר, אים זען.

מיט קאָפּ איינגעבויגן, חרטה אין האַרץ,
איז ברוך געשטאַנען ביים בערגל מיט ערד,
געפילט האָט, אז שולדיק איז ער אין דעם אלץ,
ווייל ער האָט דאָס לעבן פון נחמן צעשטערט.

ס׳איז נחמן גאָר יונג און נאָך נאַריש געווען,
און האָט ניט פאַרשטאַנען דאָס לעבן דערפאַר;
און ברוך דער קינסטלער האָט גאָר ניט געזען,
אַז שעדלעך עס איז נאָך פאַר אים דער „בולוואַר״.

און ברוך, וואָס איז שוין באַרימט אויף דער וועלט,
אליין האָט פאַר נחמן אַ מצבה געשטעלט.
דאָס לעבן פון נחמן, וואָס יונג איז אַוועק,
יסורים פון יונגע פאַרשניטענע טעג,
דאָס קלאָגן פון דורות, וואָס בלייבן פאַרוויסט: —
האָט ברוך אויף אייביק אין שטיין איינגעקריצט.
און מחנות גאָר גרויסע, די מענטשן אין מאַסן,
וואָס קומען אַהער צו דער שטאָט און די גאַסן,
און קוקן באַגייסטערט אויף קינסטלער און בילדער,
זיי קומען צום קבר אויך קוקן מיט וואונדער,
אויף ווערק פון דעם קינסטלער, וואָס איז אזוי גרוים;
געפונען זיי דאָ שוין אויך נחמן׳ען אוים.

און טיילמאָל, ווען ס׳רייסט זיך מיט צאָרן דער ווינט,
אַן אומעט באַפאַלט זיי סיי מענטשן, סיי הינט:

דער הימל צעוויינט זיך און וואַרפט אָן אַ שרעק,
עס קומט אָן דער סוף פון דער וועלט — און איין עק;

דערזעט מען דריי שאָטנס אויף איינזאַמער גאַס,
מיט קעפּ איינגעבויגן, פאַרחשכט און נאַס;

זיי גייען צום קבר, וואָס איז דאָ ניט ווייט,
וואָס איז ווי אַ טרייסט נאָר פאַר זיי אָנגעגרייט:

ס׳קומט ביילקע מיט טרערן — זי שרייט און זי וויינט:
ס׳איז שווער דאָ איר לעבן, צו זיין דאָ אַליין;

קאָוזעט, זי נאָר צערטלט דעם שטיין מיט איר האַנט,
איר וואונטש איז צו ליגן מיט נחמן ביינאַנד;

אויך ברוך׳ן ציט דאָ אַהער צו דעם שטיין,
צום ווערק, וואָס פאראייביקט זיין צער און געוויין.

פון זעלבן מחבר:

„מאָרים שוואַרץ און דער אידישער קונסט טעאַטער"

עם ווערט צוגעגרייט צום דרוק נאָך אַ בוך פון דער סעריע „שטעט"

מיט פאָלגענדן אינהאַלט:

גער — אַ בילד פון חסידישן לעבן אין פוילן

בערלין — פון דעם לעבן פון די אידן אין דייטשלאַנד

וואַרשע — דאָס אידישע לעבן אין פוילן